STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10843

DI LETSTE TEG FUN YERUSHOLAYIM

Flavius Josephus

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

היסטאָרישע יוגנט-ביבליאָטעק

ז. קאַלמאַנאָוויטש

די לעצטע טעג פון ירושלים

ארויסגענומען פון זעקסטן בוך פון
יוסיפוס פלאַוויוס „יודישע מלחמות“.

כלל-פאַרלאַג
בערלין 1922-תרפ"ב

KLAL-VERLAG / BERLIN / VERLÄNGERTE CHARLOTTENSTR. 1B

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1921

יוסיפוס פלאוויוס.

יוסף בן מתתיהו הכהן אדער יוסיפוס פלאוויוס, דער מחבר פונם בוך „יודישע מלחמות״, וואס פון דעם איז ארויסגענומען אונזער דערציילונג, האט אפגעשטאמט פון א מיוחס׳דיגער כהנים-משפחה אין ירושלים. בעת עס האט זיך אנגעהויבן דער יידישער אויפשטאנד קעגן די רוימער (אין יאר 68 נאך קר.), איז ער געווען נאך גאר א יונגער מאן, אבער אדאנק זיין יחוס און זיין וואוילקענעוודיגקייט איז ער אויסגעקליבן געווארן אויפן הויכן פאסטן פון א קאמאנדיר אין גליל. דער אויפשטאנד פון די יידן איז אויסגעבראכן, ווייל דאס פאלק האט שוין מער ניט געקאנט אריבערטראגן די שווערע באדריקונג מצד די רוימישע באצווינגערס. שוין א צייט מיט יארן האט צווישן די יידן אין ארץ ישראל עקסיסטירט א פארטיי, וואס האט געשטרעבט צו באפרייען דאס לאנד פון רוימישן יאך. זיי האבן זיך גערופן קנאים, ד. ה. מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענע מענשן פאר דער פרייהייט און גלויבן. זיי פלעגן פון צייט צו צייט מאכן אויפשטאנדן, נאר די אויפשטאנדן זיינען אלע מאל דערשטיקט געווארן, ווייל די קנאים זיינען געווען ווייניג אין צאל. דאס לעצטע מאל, ווען די עולות און באדריקונגען מצד די רוימער זיינען שוין דערגאנגען צו דער העכסטער מדרגה, זיינען שוין צו די קנאים צוגעשטאנען מער מענשן, כמעט דאס גאנצע פאלק, בפרט די ארימערע פויערים, וואס זיי האבן געהאט דאס מערסטע צו צאלן שווערע פאדאטקעס און זיינען בכלל מער פון אלעמען געווען גערודפט און געדריקט. אט דאס אויפגעשטאנענע פאלק

האט פארכאפט ירושלים און ארויסגעטריבן פון דארט די רוימישע זעלנער, וואס זיינען דארט געשטעלט געווען אויף צו היטן די ארדענונג. די רייכערע בעלי-בתים פון ירושלים, די מיוחסים און כהנים, און אויך א טייל פון די פרומע לייט זיינען לכתחילה געווען קעגן דעם אויפשטאנד. זיי האבן ווינציגער פון דעם ארימען פאלק געליטן פון די רוימישע באאמטע, און ווי עס איז די טבע פון מיושב׳דיגע בעלי-בתים, האבן זיי מורא געהאט פאר אן אויפשטאנד פון פאלק, פאר א מרידה. זיי האבן געהאפט דורכצוקומען מיט די רוימער מיט גוטן, אשטייגער, בעטן ביים רוימישן קיסר, ער זאָל צושיקן בעסערע, ערליכערע אפיצערן, וואס זאָלן זיך באגיין מיטן פאלק מיט מער יושר. אבער וויבאלד אז די מורדים, די קנאים האבן שוין געהאט פארכאפט די הויפט-שטאָט, און דער גרעסטער רוב פון פאלק איז געווען מיט זיי און האט ניט געוואלט הערן די שלום-רייד, וואָס די יידישע שרים און מיוחסים האבן מיט זיי געטענעט, זיינען זיי אויך צוגעשטאנען צום אויפשטאנד. און היות ווי זיי זיינען געווען די געבילדעטסטע צווישן פאלק, האט דאס פאלק זיי אויך אנגעטרויט די גאנצע פירונג פון דער באפרייאונגס-מלחמה. אזוי ארום איז אויך יוסף בן מתתיהו הכהן, וואס האט געהערט צו די דאזיגע יידישע מיוחסים, אויסגעקליבן געווארן צו ארגאניזירן דעם אויפשטאנד אין דער צפונדיגער פראווינץ פון ארץ-ישראל, אין גליל.

נאר יוסף האט זיך ארויסגעוויזן פאר א שלעכטן קריגסמאן. אַנשטאט צונויפצוקלייבן פון די גלילער פויערים, וואס זיינען אלע גרייט געווען זיך מוסר נפש צו זיין פאר דער פאלקס-פרייהייט, א גרויסן חיל און לערנען מיט זיי תכסיסי מלחמה, האט ער זיך גאָר פארנומען מיט מאכן אין גליל א סנהדרין און ארגאניזירן די בירגערליכע פארוואַלטונג. די גלילער קנאים, וואס האבן נאך דערצו חושד געווען, אז ניט מיטן גאנצן הארצן גייט ער מלחמה פירן — שטאמט ער דאך פון יענעם קלאַס מענשן, וואס זיינען לכתחילה געווען קעגן אויפשטאנד — האבן אנגעהויבן מאָנען ביי די ירושלימער פירערס, מען זאל יוספן אראפזעצן און אויף

זיין ארט אוועקשטעלן אן אנדערן. נאר פון ירושלים האט מען זיי גארנישט געענטפערט. באזונדערס איז ארויסגעטראטן קעגן יוספן יוחנן בן לוי פון גוש-חלב, א פייערדיגער פאטריאט און קעמפער קעגן די רוימער. אז די ירושלימער האבן ניט געוואלט אראפווארפן יוספן, האט יוחנן געפרובט אויפרייצן קעגן אים דאס פאלק און אים הרגענען. פון דעמאלט אן נעמט זיך יוספס שנאה צו די קנאים בכלל און צו יוחנן בן לוי בפרט. אין זיין בוך רופט ער זיי כסדר אן „מורדים", „רויבערס", און פאר יוחנן האט ער קיין אנדער נאמען ניט, ווי „טיראן". אינם בירגער-קריג, וואס האט שפעטער אויסגעבראכן אין ירושלים צווישן די אנהייגער און די קעגנער פון דער מלחמה און צווישן די פארשיידענע גרופעס פון די קנאים גופא, זיינען בלי ספק, ווי אין אלע אזעלכע מלחמות צווישן פאלקס-ברידער, אפגעטאן געווארן א סך רציחות, און עס זיינען אומגעקומען א סך אומשולדיגע קרבנות. אבער יוסף איז שוין צופיל מגזם די רשעות פון די „מורדים" און געפינט פאר זיי זעלטן א גוט ווארט. אפילו ווען ער דערציילט וועגן זייערע גרויסע גבורות און וועגן דער מסירת נפש, וואס זיי האבן באוויזן אין קאמף פאר דער פרייהייט, טוט ער דאס, ווי איבערגעוואלד. צום טייל, איז דא שולדיג אויך דאס, וואס ער האט זיין בוך געשריבן אין גריכיש, פארן רוימישן פובליקום, אזוי אז ער האט געמוזט צוחנפענען זיך צו די רוימער און דערנידעריגן זייערע שונאים.

איידער יוסף האט באוויזן נאך צונויפצוקלייבן א חיל, זיינען אנגעקומען די רוימער, און גאר גיך האבן זיי איינגענומען גליל און דערשטיקט דארט דעם אויפשטאנד. יוסף גופא איז גענומען געווארן געפאנגען. נאר ער האט פארשטאנען זיך צוצוחנפענען צום רוימישן קאמאנדיר פלאוויוס אספסינוס (וועספאסיאנוס, וואס איז שפעטער געווארן קיסר אין רוים) און צו זיין זון טיטוסן, און זיי האבן אים באפרייט פון שקלאווערײַ. ווי א פרייע געלאזטער, האט ער באקומען דעם פאמיליען-נאמען פון זיינע בעלי-בתים: פלאוויוס. די גאנצע צייט פון דער מלחמה איז ער געבליבן ביי טיטוסעס

שטאַפּ און האָט אים געדינט, ווי אַן איבערזעצער, אַזוי אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזעהן דעם גאַנצן חורבן פון זיין פאָלק, וואָס ער האָט שפּעטער באַשריבן. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין רוים, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט שרייבן ביכער, דער עיקר, די געשיכטע פון יידישן פאָלק. זיינע ביכער, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען (חוץ די „יידישע מלחמות״ אין זיבן ביכער, נאָך „די יידישע אַלטערטימער״ אין 20 ביכער און אַנד.), האָבן אַ גרויסן באַטייט, ווייל זיי דינען אונז פאַרן וויכטיגסטן מקור פון דער יידישער געשיכטע אין דער צייט פון בית שני. אָהן זיי וואָלטן מיר וועגן יענער צייט גאָר ווייניג געוואוסט. און אויב אין לעבן איז יוסף געווען ווייט פון אַ גרויסן מענשן, האָט ער זיך אָבער דורך זיינע ליטעראַרישע ווערק פאַרדינט אַן אייביגן נאָמען אין דער יידישער געשיכטע.

די לעצטע טעג פון ירושלים.

1

באלד דריי חדשים האט דער שונא געלאגערט פאר די טויערן פון דער הייליגער שטאט. צוויי מויערן פון דער שטאט זיינען שוין איינגעבראכן געווען, און די באלעגערטע יידן האבן זיך נאך געהאלטן הינטער דער דריטער מויער און אין די באפעסטי־גונגען ארום דעם בית־ המקדש. ארום שטאט האבן די באלעגערטע אויסגעבויט וואלן, בכדי ניט צו לאזן קיינעם ארויס און אריין אין שטאט. מחמת דעם האט מען קיין עסנווארג ניט געקאנט צופירן, און די איינוואוינער האבן געליטן הונגער.

פון טאג צו טאג זיינען די צרות פון ירושלים שרעקליכער געווארן, ווייל דאס אומגליק האט אלץ מער פארביטערט די מורדים, און די הונגערנויט, וואס האט שוין אזוי שרעקליך גע־ווילדעוועט צווישן פאלק, האט אנגעהויבן צו פארטיליגן זיי גופא. ס׳איז קיין וואונדער ניט, אז באלד האבן זיך אנגעקליבן אין שטאט גאנצע הויפנס טויטע קערפערס, וואס האבן פארגע־שטעלט א מאוימדיגן אנבליק, האבן פארשפרייט א ריח פון מגפה און געשטערט אפילו די קעמפער ביי זייערע ארויספאלן. ווארום די לעצטע האבן געמוזט זיך מאכן א וועג איבער טויטע קערפערס, אזוי ווי זיי וואלטן דורכגעדרונגען אין א שלאכט נאך א מוראדיגער בלוטפארגיסונג.

די רוימער ווידער האבן פארענדיגט בויען די וואלן אין משך פון 21 טעג, הגם עס האט זיי געקאסט א סך מיה צו ברייננגען

דאס נויטיגע געהילץ. דערביי האבן זיי הויל געמאכט די גאנצע געגנט ארום שטאט אויף א מהלך פון 90 סטאדיעס*) פון אלע זייטן. ס׳איז געווען באמת טרויעריג צו קוקן אויף דער געגנט; זי, וואס האט פריהער געגלאנצט, מחמת זי איז געווען רייך באַ-צירט מיט ביימער און סעדער, איז איצט אומעטום געווען וויסט און בארויבט פון ביימער.

קיין איין פרעמדער, וואס האט אמאל געהאט געזעהן דאס אַלטע לאנד יהודה און די גרויסארטיגע פארשטעט פון ירושלים, ווען ער וואלט געזעהן דעם דעמאלטיגן חורבן, וואלט ער ניט געקאנט איינהאלטן זיינע טרערן און זיפצן איבערן אומבייט, וואס איז געשעהן. ווארום די מלחמה האט אויסגעמעקט איטליכן סימן פון שיינקייט, און אויב עמיצער, וואס האט פריהער געקענט די געגנט, וואלט פלוצלינג געקומען אַהין, וואלט ער זי ניט דערקענט, נאר ער וואלט געזוכט די שטאט, וואס איז געלעגן פאר אים.

איבעריגנס, האט די פארענדיגונג פון די וואלן פארשאפט די רוימער ניט ווינציגער זארג, איידער די יידן. זיי, די יידן האבן באדארפט זיך ריכטן, אז די שטאט וועט באלד איינגענומען ווערן, אויב זיי וועט זיך ניט איינגעבן אונטערצוציינדן די וואלן. די רוימער, פארקערט, וואלטן קיין שום אויסזיכט מער ניט געהאט איינצונעמען ירושלים, אויב די דאזיגע וואלן וואלטן צעשטערט געווארן. ראשית, ווייל זיי האט לחלוטין אויסגעפעלט בוי-מאטעריאל, והשנית, ווייל די זעלנער זיינען געווען אפגעשוואכט דורך די גרויסע מאטערנישן, און דורך די אפטע מפלות איז ביי זיי דער מוט אפגענומען געווארן.

ווארום לא די וואס די יידן האבן, ניט געקוקט אויף זייערע אומדערטרעגליכע צרות, ניט געוואלט נאכגעבן, נאר זיי האָבן כסדר צו-נישט געמאכט די האפענונגען פון די רוימער דורך דעם, וואס זיי האבן זיך אויסגעקעמפט א נצחון נאך א נצחון: קעגן די וואלן — דורך קונציגע אונטערערדישע גיינג, קעגן די ווארף- און

*) א סטאדיע איז א לייגג-מאס, וואס האלט ביי 150 מעטער.

ברעך-מאשינעס — דורך דער פעסטקייט פון זייערע מויערן, אין געשלעג פון דער נאהענט — דורך זייער ווילדער גבורה. און דערנאך די עיקר-זאך: היות ווי די רוימער האבן איצט איינגעזעהן, אז ביי יידן איז פאראן א גייסטיגער כח, וואס קאן גובר זיין בירגער-קריג, הונגער, מלחמה און א סך אנדערע פורעניות, — בכן זיינען זיי געקומען צו דער מסקנא, אז זייערע קעגנערס תשוקה צום קאמף קאן מען פונקט אזוי ניט בייקומען, ווי זייער שטאנדהאפטיגקייט אין אן עת צרה. און מחמת דעם האבן זיי זיך געשטעלט די פראגע: וואס וואלטן געקאנט אויפטון אזעלכע מענשן, ווען זיי האבן נאך א גוטן מזל, אויב אפילו א שלעכטער מזל מאכט זיי אלץ איינגעשפארטער און הארטנאקיגער. די דאזיגע סברות האבן טאקע באוואויגן די רוימער צו האלטן ביי די וואלן שטארקערע וואך-פאסטנס, איידער פריהער.

יוחננס *) מענשן אין אַנטאָניאַ **) האבן אויך געזארגט פאר דער צוקונפט, טאמער וועט די מויער דורכגעבראכן ווערן. נאך איידער די שטורעם-בעק***) האבן אנגעהויבן צו ווירקן, האבן זיי געמאכט אן ארויספאל אויף די באפעסטיגונגען, נאר דאס מאל האט די אונטערנעמונג זיך ניט איינגעגעבן. אמת טאקע, זיי זיינען ארויסגעלאפן מיט שטורקייצן, נאר איידער זיי האבן דערגרייכט צו די וואלן, האבן זיי געמוזט לויפן צוריק מיט איין האפענונג ארימער...

זיי האבן געמאכט דעם ארויספאל אין קליינע אפטיילונגען, וואס זיינען גארניט געווען פארבונדן צווישן אנאנד, און דערביי ציטערנדיג און קווינקלענדיג, — בקיצור, ניט ווי די יידן זיינען

---

*) יוחנן בן לוי פון גוש חלב, איינער פון די הויפט-אנפירער אין דער מלחמה קעגן די רוימער.

**) א פעסטונג אין ירושלים, בשכנות פונם בית-המקדש.

***) קריגס-מאשינעס אויף ברעכן מויערן, וואס זיינען געמאכט פון לאנגע באלקנס מיט אן אייזערנעם שפיץ, וואס האט דאס אויסזעהן פון א קאפ מיט הערנער.

זיך געוויינטליך נוהג. עס האט געפעלט אלצדינג, וואס דורך דעם האבן זיי זיך שטענדיג אויסגעצייכנט: דרייסטקייט, געשווינדקייט, פעסט געשלאסענער אנפאל און די קונסט זיך צו באַשיצן פון הינטן.

און בעת זייער אנפאל האט מער ניט געהאט די פריהערדיגע שטארקייט, האבן זיי, חוץ דעם, געמוזט זעהן די רוימער אויף אַ פעסטערער פאזיציע, איידער שטענדיג. ווארום מיט זייערע קערפערס און פאנצערס האבן זיי אין גאנצן געהאט באַדעקט די וואלן, אזוי אז אין ערגעץ האט מען ניט געקאנט באַמערקן קיין פרייען פלאץ, וואו מען זאל קאנען אנצינדן פייער. איטליכער איינציגער פון זיי האט געהאַט ביי זיך פעסט באַשלאסן בעסער צו שטארבן, איידער צו לאזן זיין ארט. ווארום אויב די דאזיגע וואלן וואלטן אויך אוועק מיטן פייער, וואלטן אלע זייערע האפענונגען צו-נישט געווארן.

איבעריגנס, האבן די מאשינעס אַ סך מיטגעהאלפן צוריקצוטרייבן די אנפאלער. ווען איינער פון זיי פלעגט פאלן, פלעגט ער פאַרהאַלטן דעם, וואס איז נעגאנגען הינטער אים, און היות ווי עס איז געווען אַ סכנה צו גיין ווייטער, דעריבער איז ביי אלעמען געפאלן דער מוט. אזוי זיינען זיי אלע אנטלאפן געווארן, ווי נאר זיי זיינען צוגעקומען אזוי נאהענט, אז די פיילן האבן זיי געקאנט טרעפן; אייניגע פון זיי האבן זיך געלאזט לויפן, נאר איידער זיי האבן זיך ארייננעלאזט אין אַ געשלעג, מחמת זיי האבן זיך דערשראקן פאר דער גוט געארדנטער, געדיכטער מחנה פון שונא, אנדערע ווידער האבן געגומען גיין צוריק, נאכדעם ווי זיי זיינען פארוואונדעט געווארן דורך ווארף-שפיזן. גייענדיג צוריק מיט גארנישט, האבן זיי איינער דעם אַנדערן געזידלט פחדנים. דער דאזיגער פרוב אויף אַן אנפאל איז געשעהן ראש חודש תמוז.

ווי נאר די יידן זיינען פארטריבן געווארן, האבן די רוימער געבראכט שטורעם-בעק, הגם פון אַנטאָניאַ אראפ האט מען אויף

זיי געוואָרפֿן גרויסע שטיינער, ברענענדיגע שייטן האָלץ, שטיקער אייזן און פֿאַרשיידענע אַנדערע זאַכן, וואָס די נויט האָט זיי גע־געבן די יידן אין האַנט אַריין. וואָרום הגם די יידן האָבן זיך שטאַרק פֿאַרלאָזן אויף זייערע מויערן און האָבן גאַרנישט גע־האַלטן פֿון די מאַשינעס פֿון די רוימער, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך געמיהט ניט צו דערלאָזן זיי צוצוקומען נעהענטער. די רוימער פֿאַרקערט, האָבן געמיינט, אַז דערפֿאַר זוכן זייערע קעגנער אָפּ־צוהיטן אַנטאָניאַ פֿאַר די קלעפּ פֿון די מאַשינעס, ווייל די מויערן זיינען שוואַך. דעריבער האָבן זיי פֿון זייער זייט געאַרבעט מיט אַלע כחות, מחמת זיי האָבן געהאַפּט צו באַשעדיגן די פֿונדאַ־מענטן. נאָר די געטראַפֿענע ערטער זיינען געווען פֿעסט און האָבן זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

הגם מען האָט אויף די רוימער כסדר געשאָסן, פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן פֿון דער סכנה, וואָס איז געקומען צו זיי פֿון אויבן, נאָר זיי האָבן ווייטער געאַרבעט מיט די שטורעם־בעק. נאָר היות ווי זיי האָבן נאָך אַליך געליטן שאָדן, — באַזונדערס האָבן זיי די שטיינער געבראַכט גרויסע אָנווערן, — דעריבער האָבן טייל פֿון זיי געמאַכט פֿון זייערע שילדן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און די איבעריגע האָבן מיט די הענט און מיט פֿלעקער אונטערגעגראָבן דעם פֿונדאַמענט און מיט גרויס מיה צולעצט אַרויסגעגראָבן פֿיר גרויסע שטיינער פֿון מויער. דער־ווייל איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, און אויף ביידע זייטן איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן דער קאַמף.

ביינאַכט אָבער איז פּלוצלינג איינגעפֿאַלן די מויער, וואָס איז דערציטערט געוואָרן דורך די שטורעם־בעק, אויף יענעם אָרט, וואו יוחנן האָט געהאַט אויסגעגראָבן אַן אונטערערדישן גאַנג. געשעהן איז דאָס דערפֿאַר, ווייל דער גאַנג איז איינגעפֿאַלן.

די דאָזיגע געשעהעניש האָט געמאַכט אויף ביידע צדדים אַ רושם פֿונקט דעם היפוך דערפֿון, וואָס מען האָט זיך געקאָנט ריכטן. די יידן, וואָס זיי האָט דער פּלוצלינגדיגער איינפֿאַל פֿון דער מויער, וואָס זיי האָבן קעגן דעם קיין מיטלען ניט געהאַט

אַנגענומען, באַדאַרפט בעצם אנשרעקן, האָבן זיך דאָך געפילט גאַנץ גוט, ווייל פאַרט איז אַנטאָניאַ געבליבן שטיין. ביי די רוי-מער, פאַרקערט, איז די אומגעריכטע פרייד דעריבער, וואָס די מויער איז איינגעפאַלן, געשטערט געוואָרן דורכדעם, וואָס זיי האָבן דערזעהן א צווייטע מויער, וואָס יוחננס מענשן האָבן גע-האַט אויסגעבויט הינטער דער ערשטער. אמת, די דאָזיגע צווייטע מויער האָט מען אין פלוק געקאָנט איינגעמען גרינגער, איידער די ערשטע; ראשית, ווייל די חורבות פון דער איינגעפאַלענער מויער האָבן פאַרגרינגערט דאָס אַרויפגיין, און צווייטנס, האָט מען גערעכנט, אַז זי איז א סך שוואַכער, איידער אַנטאָניאַ, און ווייל זי איז געבויט נאָר לפי שעה, וועט זי גיך קאָנען ווערן איינ-געריסן. פונדעסטוועגן האָט קיינער פון די רוימער זיך ניט דער-וועגט אַרויפצושטייגן. ווארום די ערשטע, וואָס וואָלטן דאָס גע-פּרובט טון, וואָלטן זיך אודאי באַדאַרפט ריכטן אויף א זי-כערן טויט.

דעריבער האָט טיטוס צונויפגערופן די מוטיגסטע צווישן זיינע זעלנער און האָט פאַר זיי געהאַלטן א רעדע, בכדי אויפ-צומונטערן זיי און אנצוטרייבן צום קאַמף. אין דער צייט פון טיטוסעס רעדע האָט דער חייל זיך נאָך אַלץ געשראָקן פאַר דער גרויס פון דער סכנה. נאָר איינער פון די זעלנער, א גע-באָרענער סיריער מיטן נאָמען סאַבינוס, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א מוטיגן מאַן, הגם לויט זיין אויסזעהן האָט ער גאָרניט געהאַט קיין פנים פון אן עכטן זעלנער. ער איז געווען שוואַרץ אין פנים, דערביי דאַר פון געשטאַלט; אָבער אין דעם דאָזיגן דאַרן גוף, וואָס איז געווען צו קליין פאַרן כח, וואָס האָט געוואוינט און אים, האָט זיך געפונען א נשמה פון אן אמת'ן העלד.

דער דאָזיגער מאַן איז אויפגעשטאַנען פריהער פאַר אַלעמען און האָט זיך אַרויסגערופן דער ערשטער אַרויפצושטייגן. ער האָט מיט דער לינקער האַנט אויפגעהויבן זיין שילד איבערן קאָפּ,

מיט דער רעכטער האנט ארויסגעצויגן זיין שווערד און האט זיך געלאזט גיין צום מויער; דאס איז געשעהן אן ערך די זעקסטע שעה בייטאג. פון די איבעריגע זיינען אוועק נאך אים בלויז עלף מאן.

די וועכטערס אויף די מויערן האבן געווארפן אויף זיי שפּיזן, באשאטן זיי פון אלע זייטן מיט א האגל פון פיילן און אראפּ-געקייקלט אויף זיי גרויסע שטיינער. עטליכע פון די עלף זיינען אראפּגעפאלן. נאר סאַבינוס האט זיך א לאז געטאן מוטיג קעגן די יידן, און הגם ער איז כמעט פארשוואונדן געווארן אונטערן רעגן פון די פיילן, דאך האט ער פריהער זיך ניט אפּגעשטעלט, ביז ער איז אנגעקומען אויבן אויפן מויער. די יידן האבן זיך שטארק דערשראקן פאר זיין דרייסטקייט און גבורה און האבן זיך געלאזט לויפן; אויך האבן זיי ניט אנדערש גערעכנט, אז מיט אים אין איינעם זיינען נאך אנדערע ארויפגעקלעטערט.

אבער פלוצלינג, שוין אנגעקומען אויבן, האט אט דער מו-טיגער מענש זיך אויסגעגליטשט, איז געשטרויכלט געווארן אי-בער א שטיין און איז אנידערגעפאלן מיטן פנים צו דער ערד. ווי נאר די יידן האבן דערהערט דעם קלאפּ פונם פאַל, האבן זיי זיך ווידער געגעבן א קער אום. און אז זיי האבן אים דערזעהן ליגן אויף דער ערד, זיינען זיי פון אלע זייטן אנגעפאלן אויף אים מיט פיילן. נאר ער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף איין קני און האט זיך פארטיידיגט א צייט לאנג מיט זיין שילד, וואס ער האט געהאלטן פאר זיך, און דערביי האט ער געגעבן קלעפּ עטליכע פון די, וואס זיינען געקומען נאָהענט צו אים. צולעצט, אז ער איז שוין געווען אין גאנצן באדעקט מיט וואונדן, האט ער געלאזט פאלן זיין רעכטע האנט, און זיין גייסט איז אים ארויס.

פון די איבעריגע עלף האבן די יידן געטויט דורך שטיינער נאך דריי, וואס האבן שוין געהאט ארויפגעשטייגט אויפן מויער; די איבעריגע דריי זיינען געראטעוועט געווארן, און פארוואונדעטע

האט מען זיי געבראכט אין לאגער. דאס איז געשעהן דריי טאג אין תמוז.

אין צוויי טעג ארום האבן זיך צונויפגעקליבן 20 מאן פון די וואך־סאלדאטן, וואס זיינען געווען אוועקגעשטעלט אויף די וואלן, און נאכדעם ווי זיי האבן צוגעצויגן צוליב זייער אונטער־נעמונג דעם אדלער־טרעגער פונם פינפטן לעגיאן, צוויי מאן פון די רייטער אפטיילונגען און א טרומייטער, זיינען זיי אין דער ניינטער שעה ביינאכט אין דער שטיל ארויף אויף די חורבות פון אַנטאָניאַ, האבן געטויט די פאדערשטע פאסטנס, וואס זיינען געלעגן און געשלאפן, האבן פארנומען די מויער און געלאזט דעם טרומייטער בלאזן סיגנאלן.

נאך דעם האבן זיך תיכף אויפגעהויבן אלע איבעריגע שומרים און זיינען אנטלאפן געווארן, זיך ניט ארומגעקוקט אפילו צו דערגיין, וויפיל אנפאלערס זיינען דארט געווען, ווארום די שרעק און דער סיגנאל פונם טרומייט האט אין זיי דערוועקט די מיינונג, אז די פיינט זיינען ארויפגעקלעטערט אין מאסן.

ווי נאר טיטוס האט דערהערט דעם סיגנאל, האט ער גע־הייסן דעם חיל זיך באוואפענען און איז מיט די אפיצערן בראש פון אן אפגעקליבענער אפטיילונג צוערשט ארויף אויף דער פעס־טונג. היות ווי די יידן האבן זיך צוריקגעצויגן אין בית־המקדש, זיינען די רוימער אויך אריינגעדרונגען אהין דורכן אונטערערדישן גאנג, וואס יוחנן האט געפירט קעגן די וואלן פון די רוימער.

נאר די מורדים, הגם זיי זיינען געווען צעשפאלטן אין צוויי פיינטליכע פארטייען אונטער יוחנן און שמעונען*), פונדעסט־

*) שמעון בר גיורא, דער צווייטער אנפירער פון די קנאים. צווישן אים און יוחנן האט די גאנצע צייט פון דער מלחמה זיך געצויגן א קאמף, וואו עס זיינען אומגעקומען א סך איינוואוינער פון ירושלים.

ווען האבן זיי זיך פאראייניגט צו פארטיידיגן זיך קעגן די רוי־מער און האבן דערביי ארויסגעוויזן אזא קראפט און מוט, וואס האט גארניט געקאנט זיין גרעסער. ווארום זיי האבן גוט געוואוסט, אז ווי נאר די רוימער וועלן פארנעמען דאס הייליגטום, איז דער גורל פון דער שטאט שוין באשטימט. אזוי האט זיך צעפלאקערט פאר די טויערן א הארטער קאמף: די רוימער האבן געוואלט צווינגען, מען זאל זיי ארייגלזאן, בכדי זיי זאלן קאנען פארנעמען דעם בית־המקדש; די יידן, פארקערט, האבן געמיהט זיך אריינ־צושטופן די רוימער אין אנטאניא. שיס־געווער אוןווארף־שפיזן האט מען ביי בײדע צדדים ניט געקאנט געברויכן, נאר מאן קעגן מאן האט איטליכער באדארפט קעמפן מיטן שווערד. באלד האט מען אין ברען פון געשלעג ניט געקאנט אונטערשיידן, אויף וועמעס צד איטליכער איינציגער האט געקעמפט, מחמת די קריגסלייט זיינען געווען איין איינציגע צעטומלטע מאסע, האבן אין דער שפארעניש און איינגשאפט געשטופט איינער דעם אנדערן, און איבער דעם אלגעמיינעם רעש האבן זיי ניט געקאנט פארשטיין, וואס זייערע חברים ריידן. אויף ביידע זייטן האט זיך געגאסן א סך בלוט, און די קעמפנדיגע האבן צעטראטן ביי די געפאלענע אברים און פאנצערס. און ווי נאר די וואגשאל האט זיך אויפגעהויבן אדער אראפגעלאזט ביי איינעם פון די קעמפנ־דיגע צדדים, האט זיך געלאזט הערן אדער דאס אויפמונטערנדיגע געשריי פון די, וואס האבן זיך געפונען אין א בעסערער לאגע, אדער דאס קלאג־געשריי פון די, וואס זיינען אפגעטראטן צוריק. אגב, איז ניט געווען קיין ארט ניט פאר אנטלויפן און ניט פאר נאכיאגן. בכן, האט דער קאמף זיך געוויגט אומבאשטימט אהין און אהער, און די מהומה איז אלץ געוואקסן. ווער עס איז ארויס־גערוקט געווארן גאר אויף פארנט, דער האט געמוזט אדער טויטן אדער לאזן זיך טויטן, ווארום וועגן אנטלויפן איז גארניט געווען וואס צו קלערן. די, וואס זיינען געשטאנען פון הינטן, האבן גע־שטופט זייערע אייגענע מענשן אלץ ווייטער פאראויס און האבן ניט איבערגעלאזט קיין ברעקל פרייען ארט צווישן די קעמפערס.

צולעצט האט די יידנס ווילדער מוט באקומען די אויבער־האנט איבער די קריגס־געניטע רוימער, און דער קאמף איז אין אלע פונקטן געגאנגען שוין צום סוף, נאָכדעם ווי ער האט גע־דויערט פון דער נייַנטער שעה ביינאכט ביז דער זיבעטער ביי־טאָג*). מצד די יידן האָט גענומען אָן אָנטייל אין געשלעג דער גאַנצער חיל, וואָס האט געפילט, אז ער מוז אָנשטריינגען אַלע כחות ביי דער סכנה, די שטאָט זאָל ניט איינגענומען ווערן, מצד די רוימער האָט אָנטייל גענומען בלויז אַ טייל פונם חיל, ווייל די לעגיאָנען, וואָס אויף זיי האָבן די באַלעגערער געלעגט זייער גאַנצע האָפענונג, האָבן נאָך ניט געהאָט אַרויפגעשטייגט אויף דער פעסטונג. מחמת דעם טעם האָבן די רוימער דערווייל זיך באַגענוגנט דערמיט, וואס זיי האבן איינגענומען אַנטאָניאַ.

מצד די יידן האבן זיך באזונדערס אויסגעצייכנט אינם דא־זיגן געשלעג: אלכסס און גופתאי פון יוחננס אפטיילונג; פון שמעונס אפטיילונג ווידער: מלאכי, יהודה בן מרטון און יעקב בן סוסא, די אנפירערס פון די אדומים**); פון די קנאים — צוויי ברידער שמעון און יהודה, די זין פון אַרי.

2.

איצט האט טיטוס געגעבן א באפעל זיינע זעלנער, זיי זאלן צעשטערן די גרונט־מויערן פון אַנטאָניאַ, בכדי צו פארגרינגערן דעם גאנצן חיל דעם צוטריט צום בית־המקדש. איבעריגנס, היות ווי ער איז דעם דאזיגן טאג — דאס איז געווען 17 טעג אין תמוז — געוואר געווארן, אז ווייל עס פעלן אוים מענשן, האט מען אויפגעהערט ברייגנען דעם קרבן תמיד, וואס מען פלעגט מקריב זיין אלע טאג, און אז דאס פאלק איז זיך שטארק מצער

---

*) ד. ה. פון 3 אזייגער ביינאכט ביז 1 אזייגער נאך האלבן טאג.

**) א שבט, וואס האט געוואוינט אין דרום זייט פון יהודה. זיי זיינען גע־קומען צו הילף די יידן און האבן א סך גבורות אויפגעטאן אין דער פארטיידיגונג פון ירושלים קעגן די רוימער.

דעריבער, — בכן האט ער גערופן צו זיך יוספן*) און האט אים געהייסן, אז ער זאל איצט ווידער פּאַרלייגן יוחנן, אז אויב ער האט טאקע גרויס חשק צו קעמפן, זאל ער ארויסטרעטן פון שטאָט מיט אן אפטיילונג זעלנער, ווי גרויס ער וויל, בכדי ניט אריינצוברענגען אין חורבן די שטאט מיטן בית-המקדש. דערווייל וועט ער ווידער אמאל מעגן אנהויבן פירן די עבודה דורך יענע יידן, וואס ער וועט דערויף באשטימען.

האט יוסף זיך אוועקגעשטעלט אזוי, אז אים זאלן קאנען הערן ניט נאר יוחנן אליין, נאר אויך די גאנצע מאסע, האט איבערגעזאגט דאס, וואס טיטוס האט אים געהייסן, אין העברע-אישער שפראך, און האט נאך מוסיף געווען זיין אייגענע בקשה, זיי זאלן רחמנות האבן אויף זייער געבוירן-שטאָט און אפּווענדן דאס פייער, וואס באלעקט שוין שיער ניט דעם בית-המקדש, און זאלן ווייטער ברענגען צו גאט די קרבנות.

די דאזיגע ווערטער האט דאס פאלק אויסגעהערט אין שווייגן, פול מיט עצבות. יוחנן אבער האט באשאָטן יוספן מיט זידלערייען און קללות און צולעצט האט ער דערקלערט, אז ער האט קיין מורא ניט פארן שונא, ווייל די שטאט שטייט אונטער גאטס שוץ. דערויף האט אים יוסף געענטפערט אין א רעדע און אים אויפ-געווארפן דעם חטא, וואס ער באגייט, איינצושטעלן אין סכנה דאס הייליגטום, און וואס ער פארשוועכט די הייליגע שטאט און דעם בית-המקדש מיט ברודער-בלוט. ווי א שטראף פאר די זינד האט גאט געפירט אהער די רוימער, וואס וועלן חרוב מאכן די שטאט, אויב יידן וועלן ניט תשובה טון און זיך אונטערגעבן.

אזוי האט יוסף גערעדט מיט געוויין און קלאג, און צולעצט האט ער זיך אזוי צעכליפעט, אז ער האט ווייטער ניט געקאנט ריידן. א סך חשובע יידן זיינען גערירט געווארן פון זיין רעדע'

---

*) יוסף בן מתתיהו הכהן, דער מחבר פונם דאזיגן בוך, איז אריבער צו די רוימער, נאכדעם ווי ער איז דורך זיי באזיגט געווארן אין קאמף, און האט גע-דינט טיטוסן ווי א טאלמעטשער.

און בעת א טייל פון זיי, הגם זיי האבן געזעהן בחוש דעם איי-גענעם אונטערגאנג און דעם חורבן פון שטאט, זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער, האבן אנדערע פון זיי אויסגעזוכט א גינ-סטיגע געלעגנהייט אויף צו אנטלויפן און זיינען אריבער צו די רוימער.

טיטוס האט זיי אויפגענומען פריינטליך און געלאזט זיי אריבערקלייבן זיך קיין גופנא, וואו זיי האבן דערוויל באדארפט בלייבן, מחמת זיי האבן זיך געפילט ניט גוט צווישן א פאלק מיט פרעמדע מנהגים. אין ירושלים אבער האבן די מורדים — פארשטייט זיך, מיטן מיין אפצושרעקן די איבעריגע פון אנטלויפן — פארשפרייט א קלאנג, אז די רוימער האבן די איבערלויפער געטויט. א געוויסע צייט האט זיך אט דער קונץ טאקע איינגע-געבן, מחמת די מענשן האבן מחמת מורא זיך געלאזט אפהאלטן פון אריבערצוגיין צו די רוימער.

שפעטער אבער, אז טיטוס האט געלאזט צוריקקומען די מענער פון גופנא און זיי ארומפירן ארום די מויערן אין דער באלייטונג פון יוספן פאר די אויגן פון גאנצן פאלק, האבן די יידן ווידער מאסנווייז אנגעהויבן צו אנטלויפן צו די רוימער. פאר-אייניגט אין א גרויסער מחנה, האבן זיי זיך אלע אויסגעשטעלט פאר דער רוימישער ליניע און האבן מיט זיפצן און טרערן זיך געבעטן רחמים ביי די מורדים, זיי זאלן עפענען פאר די רוימער די גאנצע שטאט און נאך אמאל ראטעווען דאס פאטערלאנד, אדער זיי זאלן אין גאנצן אוועקגיין פון בית המקדש און איינ-היטן אים פארן פאלק.

דאס אבער האט אריינגעבראכט די מורדים אין א שרעק-ליכן כעס; אויף די טענות פון די איבערלויפערס האבן זיי גע-ענטפערט מיט גראבע זידלערייען און האבן אויפגעשטעלט איבער די הייליגע מויערן ווארף-מאשינעס, אזוי אז דער בית המקדש האט באלד אויסגעזעהן ווי א פעסטונג, און די געהייליגטע פלע-צער, וואס ארום אים — ווי א בית-עלמין, מחמת די פיל טויטע קערפערס, וואס זיינען דארט געלעגן.

טיטוס איז דערווייל ווידער צוגעטראטן צו פירן ווייטער די מלחמה. אָנצופאלן מיטן גאנצן היל איז, פארשטייט זיך, ניט מעגליך געווען, ווייל דער פּלאץ פון בית המקדש האט ניט געקאנט אריינעמען אזוי פיל מענשן. דעריבער האט ער אויסגעקליבן פון איטליכער צענטוריע *) צו דרייסיק מוטיגסטע זעלנער, איטליכע טויזנט האט ער געשטעלט אונטערן באפעל פון אַ טריבון **) און יענע ווידער אונטער דער קאָמאַנדע פון צערעאַליסן. דערנאך האט ער ארויסגעגעבן א באפעל אין דער נײַנטער שעה אָנצופאַלן אויף די וועכטערס.

אין דער באשטימטער שעה האָט ער אָפּגעשיקט די מענשן, וואס האבן באַדאַרפט אויספירן דעם אָנפאל, און אליין איז ער ארויף אויפן טורעם פון אַנטאָניאַ, פון וואנען ער האָט געקוקט מיט שפּאַנונג אויפן גאַנג פון קאַמף.

די וועכטערס אָבער האבן ניט געשלאָפן, ווי די אָנפאַלערס האָבן געמיינט, נאָר זיי זײַנען אויפגעשפּרונגען מיט גרויס געשריי און האָבן תיכף זיך אריינגעלאָזן אין געשלעג. אויפן רוף פון די וועכטערס זײַנען אויך די איבעריגע ארויסגעלאָפן אין געדיכטע מאסן. דעם דראנג פון די ערשטע האבן די רוימער אויסגעהאלטן, אָבער די הינטערשטע יידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זייערע אייגענע מענשן און זײַנען זיך מיט אַ סך פון זייערע חברים באַגאַנגען ווי מיט פיינט. צו דערקענען איינער דעם אנדערן לויטן שלאַכט-רוף, איז ניט מעגליך געווען איבער דעם ווילדן געשריי פון ביידע זייטן, און זעהן האט מען ניט געקאָנט, ווייל עס איז געווען נאכט, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואס די איינע האט בלינד געמאכט זייער גרימצאָרן, די אנדערע — די שרעק. דעריבער האט מען געהאקט אהן אַ חשבון, ניט איבערצוקלייבן, וועמען מען האט געטראָפן.

די רוימער, וואס האבן צונויפגעשלאסן זייערע שילדן געדיכט נעבן אַנאַנד און זײַנען געגאנגען פאראויס אין געאָרדנטע

*) אן אפטיילונג פון 100 מאן.
**) א רוימישער אפיצער-טיטל.

אפטיילונגען, האבן פון דער דאזיגער מהומה ווינציגער געליטן, ווארום איטליכער פון זיי האט געוואוסט זיין פּאַראָל. די יידן אבער, וואס האבן זיך כסדר ווידער צעשפּרייט און האבן אהן אַ פּלאַן באלד זיך געלאזט גיין פאראויס און באלד ווידער צוריק-געצויגן זיך, האבן ניט זעלטן אנגענומען איינע די אנדערע פאר שונאים, און א סך האבן אין דער פינסטער באַגעגנט אַ לויפנדיגן פריינט, ווי אַן אָנפאַלנדיגן רוימער. אַזוי אַרום זיינען מער יידן פארוואונדעט געווארן דורך אייגענע, איידער דורך די פיינט, ביז עס האט אָנגעהויבן טאָגן, אַזוי אַז די קעמפער האבן דערקענט איינע די אנדערע.

ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך פונאַנדערגעטיילט אויף קאַ-לאָנעס, און אָנפאַל און פאַרטיידיגונג זיינען פאָרגעקומען לויט די כללים פון דער קריגס-קונסט. אויף ביידע זייטן האָט מען גע-קעמפט מיט גלייכער שטאַנדהאפטיגקייט און עקשנות. דער קאַמף איז געבליבן באַגרעניצט כמעט אויף איין און דעם זעלביגן פונקט, און נאָר זעלטן ווען האט ער זיך אַוועקגערוקט אויף אַ קליינער שטרעקע. ווארום קיינער פון די קעמפנדיגע צדדים האט ניט גע-האָט קיין אָרט אויף צו אַנטלויפן אָדער נאָכצויאָגן. ביי איטלי-כער ווענדונג פון געשלעג האָט זיך געהערט דאָס געשריי פון די רוימער אין אַנטאָניאַ, וואָס האָבן באַגריסט זייערע חברים מיט פרייד, בשעת זיי זיינען געשטאַנען בעסער, אָדער האָבן אויפגע-מונטערט זיי זיך צו האלטן, בשעת זיי פלעגן נעמען אפטרעטן.

צולעצט, נאך דער פינפטער שעה ביימאג, האבן די קעמפערס, וואס האבן געהאט אנגעהויבן דעם קאמף אין דער ניינטער שעה ביינאכט, זיך פונאנדערגעשיידט. קיינער פון ביידע צדדים האט ניט געבראכט דעם אנדערן דערצו, ער זאָל אָפּטרעטן, און אזוי ארום איז דער סוף פון געשלעג געבליבן אין ספק.

מצד די רוימער האבן זיך אַ סך אויסגעצייכנט. מצד די יידן פון שמעונס אָפּטיילונג: יהודה בן מרטון און שמעון בן יאשיה; פון די אדומים — יעקב בן סוסא און שמעון בן קתלם; פון יוחננס מענשן — גופתא און אלכסס; פון די קנאים — שמעון בן ארי.

דערווייל האט דער איבעריגער טייל פון רוימישן חיל נאך אן ארבעט פון זיבן טעג צעשטערט די גרונט-מויערן פון אַנטאָניאַ און אויסגעגלייכט אַ ברייטן וועג צום בית המקדש. היות ווי זיי האבן זיך אויף אזא אופן דערנעהענטערט צו דער ערשטער מויער, האבן די לעגיאָנען אנגעהויבן בויען די וואַלן, איינעם קעגנאיבער דעם צפונית-מערבית-ווינקל פונם אינעווייניגסטן חצר, א צווייטן — ניט ווייט פון דער צפונדיגער גאלעריי צווישן ביידע טויערן, אַ דריטן — ביי דער מערבדיגער גאלעריי פונם אויסוויינינגסטן חצר, אַ פערטן — פון אויסווייניג ביי דער צפונדיגער גאלעריי. דאָס בויען אט די וואַלן איז אבער געווען פארבונדן מיט גרויסער מיה און אַ סך שוועריגקייטן, און דערביי האבן זיי געמוזט ברייגגען דעם בוי-מאטעריאל פון אַ מהלך ביז צו הונדערט סטאדיעס.

אָפטמאלס, בשעת די רוימער פלעגן פארגעסן אָן דער נויטיגער פּאָרזיכטיגקייט, מחמת זיי האבן זיך געפילט שטארק, האבן זיי געהאט צו ליידן פון די לאָקערס, וואס די יידן פלעגן אָנשטעלן אויף זיי; פון דער אנדער זייט, זיינען די יידן אליך דרייסטער געווארן. אַ סך רייטערס, למשל, בשעת זיי פלעגן גיין קלייבן האָלץ אדער פּאַשע, פלעגן לאָזן אויף דער צייט, וואס זיי זיינען פארנומען מיט דער דאָזיגער ארבעט, זייערע פערד אָהן צוימלאך; דעמאָלט פלעגן די יידן אָנפאלן און זיי צונעמען. היות ווי די דאזיגע מעשה האט זיך עטליכע מאל איבערגעחזרט, האט טיטוס גערעכנט, אז אין די דאזיגע אָנווערן איז שולדיג די אָפּגעלאָזנקייט פון זיינע זעלנער. האט ער איינעם א זעלנער, וואס מיט אים האט געטראָפן אזא מעשה, באשטראָפט מיט טויט. דאס האט געווירקט, אז די רייטערס זאָלן בעסער היטן זייערע פערד.

אזוי, הייסט עס, האבן די לעגיאָנען באלעגערט דעם בית המקדש דורכדעם, וואס זיי האבן אויסגעבויט וואַלן.

אין א טאג ארום, נאכדעם ווי אנטאָניא איז איינגענומען געוואָרן דורך די רוימער, האבן די מורדים, באדריקט דורכן הונגער, וואס זיי האבן ניט געהאט מיט וואס אים צו שטילן, זיך צונויפגעקליבן אין אַ גאנצער מחנה און אום דער עלפטער שעה ביטאג

האבן זיי געמאכט אַן אָנפאל אויף דער קייט פון די רוימישע וועכטערס בײַם הר-הזיתים. זיי האבן גערעכנט, אז זיי וועלן זיי קאָנען דורכרייסן מיט גרינגער מיה, מחמת זיי האט זיך אויסגעדוכט, אז זיי וועלן טרעפן די זעלנער ניט צוגעגרייט און אויסרוהענדיג זיך. נאר די רוימער האבן צו דער רעכטער צייט באמערקט זייער אנקומען און זיינען זיך גיך צונויפגעלאָפן פון די נאָהענטסטע פּאָסטנס, כדי ניט צו לאָזן זיי אריבערשטייגן דעם וואַל און זיך דורכרייסן איבער געוואלט.

ס'איז ארויסגעקומען א שטארק געשלעג, וואו עס זיינען פון ביידע זייטן אויפגעטאָן געוואָרן גבורות. די רוימער האבן זיך געפּלייסט ארויסצוּווייזן זייער קראפט און געשיקטקייט, די יידן — זייער ווילדן אימפּעט און גרימצאָרן אָהן אַ מאָס. די ערשטע האט אונטערגעטריבן זייער כבוד-געפיל, די לעצטע — די נויט. צום סוף האבן די יידן זיך געלאָזט לויפן און זיינען אראָפּגעשטופּט געוואָרן אין טאָל.

דערווייל איז די בּאלעגערונג פונם בית-המקדש געגאנגען מיט איר גאנג. די יידן האבן אין די געשלעגן כסדר געליטן שווערע אָנווערן, און היות ווי די קריגס-נויט, וואס האט אלץ מער געשטייגט, האט שוין געקלאפּט ביי די טויערן פון בית-המקדש, האבן די בּאלעגערטע אָפּגעשניטן די שוין אָנגעשטעקטע גלידער, אזוי ווי מען טוט געוויינטליך ביי אן אבר, וואס האט די בּראנד, בּכדי צו פארהיטן, אז די קראנקהייט זאל זיך ניט אויסשפּרייטן איבערן גאנצן גוף — דאס הייסט, זיי האבן אונטערגעצונדן די צפונית-מערביתדיגע גאַלעריי פון בית-המקדש אין דעם אָרט, וואו זי איז געווען פארבּונדן מיט דער אנטאָניא. אזוי איז אוועקגעלעגט געווארן דער ערשטער פייער-בּראנד בײַם הייליגטום.

מיט צוויי טעג שפּעטער, 24 טעג אין תמוז, האבן ווידער די רוימער פארבּרענט די גאלעריי, וואס האט זיך געפונען דערבּיי, און אז דאס פייער האט שוין געהאט ארומגעכאפּט ארום זיך אויף א מהלך פון 15 איילן, האבן די יידן אראָפּגעריסן דעם דאַך

און צעשטערט אלצדינג, וואס איז געלעגן צווישן זיי און צווישן אנטאָניא.

די געשלעגן נעבן בית-המקדש האבן בעת מעשה ניט אויפ-געהערט. נאָר שטענדיג האבן זיך געשלאגן מיט אנאנד בלויז קליינע אפטיילונגען.

אין יענע טעג איז ארויסגעטראטן פון צווישן די יידן איינער מיטן נאמען יונתן, קליין פון געשטאלט, ממש א פארזעהעניש און אומבאדייטנד לויט זיין יחוס און לויט זיין גאנצן שטאנד. ער האט זיך אוועקגעשטעלט נעבן דער מצבה פון יוחנן כהן גדול, צעלאזט זיך מיט האפערדיגע רייד קעגן די רוימער און ארויסגעפאדערט דעם מוטיגסטן פון זיי צום קאמף. דער רוב פון די זעלנער, וואס זיינען דארט געשטאנען, האבן נישט געהאלטן פאר כדאי צו אכטן אויף אים; איינינגע האבן מסתמא אויך מורא געהאט פאר אים; אנדערע ווידער האבן זיך געקלערט, אז מיט אזא איינעם, וואס זוכט דעם טויט, טאר מען זיך ניט ארייגלאזן אין געשלעג.

א לאנגע צייט נאכאנאנד איז קיינער ניט ארויסגעטראטן. נאר אז דער ייד האט גענומען חוזק מאכן פון זיינע קעגנער און פארווארפן זיי זייער פחדנות, האט זיך א לאז געטאן צו אים איינער פון דער רייטער-אפטיילונג, מיטן נאמען פעדאַניוס, וואס איז געווען אויפגעבראכט איבער זיינע רייד, און אפשר אויך ווייל אומפארזיכטיגערהייט האט ער פון דעם דאזיגן קליינעם נפש ניט געהאלטן, אז ער קאן אים זיין געפערליך. און הגם פעדאַניוס איז בכלל געווען שטארקער פארן יידן, נאר אין צווייקאמף, וואס איז פארגעקומען, האט אים די הצלחה פארלאזן, אזוי אז ער איז אנידערגעפאלן אויף דער ערד. יונתן איז צוגעלאפן און האט אים געטויט. דערנאך איז ער ארויף אויפן טויטן קערפער, האט גע-פאַכעט מיטן פארבלוטיגטן שווערד אין דער רעכטער האנט און מיטן שילד אין דער לינקער האנט, האט חוזק געמאכט פון די רוימער, וואס האבן דאס צוגעקוקט, געפרייט זיך אנטקעגן דעם חיל און בארימט זיך מיטן פאל פונם זעלנער, — ביז דער צענטוריאָ פריסקוס האט אים דורכגעבויערט מיט א פייל.

3.

דערווייל האבן די מורדים לא די וואס ניט אויפגעהערט אָפּן צו קעמפן קעגן די זעלנער, וואס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף די וואלן, נאר זיי האבן אויך, און טאַקע 27 טעג אין אויבן דערמאנטן חודש, דורכגעפירט א קריגס-קוניץ. זיי האבן אנגעפילט דעם חלל צווישן די באלקנס און דעם דאַך פון דער מערבדיגער גאלעריי מיט טרוקענע האלץ, ערד-פּעך און סמאלע און האבן זיך צוריקגעצויגן, מאכנדיג דעם אָנשטעל, אז זיי זיינען איינגע-מאטערט. א געוויסע צאָל רוימער האבן אומפארזיכטיגערהייט זיך געלאזט נאכיאגן די אנטלאפענע און זיינען מיט דער הילף פון לייטערס ארויפגעקראכן אויף דער גאלעריי. די פארזיכטיגערע אבער, וואס דאס אומגעריכטע אפציהען פון די יידן האָט זיך זיי אויסגעדוכט חשודיג, זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער.

ווי נאר די גאלעריי איז אנגעפילט געווארן מיט רוימער, וואס זיינען ארייננגעדרונגען, האבן די יידן זי אונטערגעצונדן פון אלע זייטן. פלוצלינג זיינען פון אלע עקן און קאנטן ארויסגעדרונגען פלאמען און האבן אָנגעיאָגט א שרעק אויף די רוימער, וואס האבן זיך געפונען אויסער סכנה, און א יאוש אויף יענע, וואס די שרפה האט זיי פארכאפט. פון אלע זייטן ארומגערינגלט מיט פייער, האבן די לעצטע זיך א ווארף געטאן צום טייל שטאָט, וואס איז געלעגן הינטער זיי, צום טייל אין מיטן דער מחנה יידן, וואס האבן זיי ארומגערינגלט. א סך האבן זיך געפרובט ראטעווען דורך א דרייסטן שפרונג צו די זייעריגע, נאר זיי האבן זיך אויסגעבראכן הענט און פיס. דעם גרעסטן רוב אבער האט דאס פייער אָפּגעשניטן יעטווידן אויסוועג צו אנטלויפן...

עטליכע האט זיך איינגעגעבן אַנטרונען צו ווערן פון פייער דורכדעם, וואס זיי האבן זיך צוריקגעצויגן אויף דער ברייטער וואנט פון די גאלערייעס. נאר דארט האבן די יידן זיי ארומגע-רינגלט, און נאכדעם ווי זיי האבן א לייגגערע צייט ארויסגעוויזן א שטארקן ווידערשטאנד, זיינען זיי צולעצט אלע אויסגעהרגעט געווארן.

איינער פון דער רוימישער אפטיילונג, וואס איז געווען ארומגערינגלט פון פייער, מיטן נאמען סערטאָריוס, האט זיך געראטעוועט דורך אזא קונץ. ער האט זיך אנגערופן צו איינעם א חבר לוקיוס, וואס איז געשטאנען מיט אים אין איין געצעלט: „איך מאך דיך פארן יורש פון מיין גאנץ פארמעגן, אויב דו קומסט און כאפסט מיך אויף". לוקיוס איז מיט גרויס חשק געקומען צו לויפן. דער, וואס איז אויף אים אראפגעשפרונגען, האט טאקע געראטעוועט זיין לעבן, לוקיוס אבער איז מיט אזא כח אנידערגעשליידערט געווארן אויפן שטיינערנעם ברוק, אז ער איז געבליבן ליגן טויט אויפן אָרט.

די גאנצע געשעהעניש האט אויף דערווייל טאקע אפגענומען ביי די רוימער דעם גאנצן מוט, אבער צוגלייך האט זי זיי געמאכט פארזיכטיגער אויף להבא, ווייל זי האט זיי אויסגעלערנט צו מאכן צו נישט די פארשיידענע תחבולות פון די יידן, וואס דורך זיי האבן זיי ביז אהער געליטן אָפטמאָל מפלות.

איבעריגנס, איז די גאלעריי אָפגעברענט ביזן טורעם, וואס יוחנן האט אין קאמף קעגן שמעונען אויסגעבויט איבערן טויער, וואס פירט ארויס פונם קסיסטוס*), און האט אים א נאמען געגעבן נאך זיך. וואס עס איז נאך געשטאנען, האבן די יידן איינגעבראכן און צוגעדעקט די קערפערס פון די געפאלענע רוימער דורך די חורבות. אויפן אנדערן טאג האבן די רוימער פארברענט די גאנצע צפונדיגע גאלעריי ביז צו דער מזרחדיגער, דאס הייסט, ביז צו יענעם אָרט, וואו ביידע גאלערייעס, הויך איבערן טאָל קדרון, האבן געבילדעט אין איינעם א ווינקל. אזוי האט עס דעמאלט אויסגעזעהן ארום דעם בית-המקדש.

אין דער שטאט האט דערווייל דער הונגער געפאדערט אהן א צאָל קרבנות און געשאפן צרות אהן א שיעור. וואו נאר עס

*) דער קסיסטוס איז געווען א געדעקטע גאלעריי ביי דעם פלאץ פאר די פאלקס-פארזאמלונגען אין מערב-זייט פון בית-המקדש.

פלעגט זיך באווייזן אין א שטוב כאָטש א שאָטן פון עסנווארג, דארט פלעגט בפועל ממש אויסברעכן א קאַמף, די בעסטע גוטע פריינט פלעגן אנהויבן זיך צו ראַנגלען און האבן געזוכט ארויס-צורייסן איינער ביים אנדערן די לעצטע ברעקלאך אויף אונטער-צוהאלטן דאס לעבן. אפילו שטארבנדיגע האט מען נים געגלויבט, אז זיי האבן קיין ביסן נים, און רויבערס פלעגן מחמת דעם דורכזוכן אלע, וואס האבן געהאלטן ביי דער גסיסה, טאמער מאכט עמיצער מער נים אן אָנשטעל, אז ער שטארבט, אדער אפשר האט ער נאך פארבאהאלטן עפּעס עסן צווישן זיינע בגדים. מיט אויפגעריסענע מיילער פון גערינגקייט זיינען זיי ארומגעלאָפן, ווי משוגענע הינט, האבן איינגעשלאגן, ווי שכּורים, אומעטום די טירן, וואו זיי פלעגן נאר קומען, און אין זייער יאוש פלעגן זיי אין איין שעה ארייַנשפרונגען צוויי אדער דריי מאל אין איין און דער זעלביגער שטוב. אלצדינג האט די נויט געבראכט צווישן זייערע ציין: זאכן, וואס אפילו די שמוציגסטע בהמות עסן דאס נים, פלעגן זיי אויפקלייבן און אויפעסן. צולעצט האבן זיי זיך גענומען אפילו פאר זייערע גארטלען און שיך און געקייט זיי און אויך דאס לעדער, וואס זיי האבן אראפגעריסן פון זייערע שילדן. א סך האבן גענוצט פאר שפייז רעשטן פון אלטע היי, ווארום די פע-דימער פלייש, וואס איינער אדער דער אנדערער האט צונויפגע-קליבן, האט מען פארקויפט די קלענסטע וואג צו פיר אטיקעס.

נאר צוליב וואס נאך שילדערן די אומפארשעמטע גערינגקייט, וואס מיט איר איז דער הונגער אנגעפאלן אויף אומבאלעבטע זאכן? איך האב בדעה צו דערציילן א מעשה, וואס איר גלייכן איז נים אפגעטאן געווארן נים ביי גריכן און נים ביי בארבארן. ס'איז א גרויל צו זאגן, אומגלויבליך צו הערן. איך וואלט גערן געוועון צו פארשוויַיגן די גאנצע זאך, בכדי שפּעטערדיגע דורות זאלן מיך נים האלטן פאר א ווילדן ליגנער,—אויב איך וואלט נים געהאט א סך עדות צווישן די מענשן פון מיין דור. אגב, וואלט איך געטאָן מיין געבוירן-שטאט א שלעכטע טובה, אויב איך

וואלט אפילו אין ווערטער ניט איבערגעגעבן דאס, וואס מיט איר האט געטראפן אין דער אמתן.

אַ פרוי פונם לאנד אויף יענער זייט ירדן, מיטן נאמען מרים בת אלעזר פונם דאָרף בית-אזוב (דאס וואָרט באטייט אזוב-הויז), וואס האט זיך אויסגעצייכנט דורך איר יחוס און עשירות, איז מיט דער איבעריגער מאַסע געקומען צו לויפן קיין ירושלים, וואו זי האט געלעבט די גאנצע צייט פון דער באלעגערונג. איר גאנץ פארמעגן, וואס זי האט געהאט מיטגעבראכט פון עבר-הירדן קיין ירושלים, האבן די אַנפירער פונם אויפשטאנד שוין געהאט ביי איר צוגע-נומען, און די טייערע חפצים, וואס זיינען נאך ביי איר געבליבן, און אלע עסנווארג, וואס זיי האבן געקאנט געפינען, האבן אוועק-גערויבט זייערע חברים, וואס פלעגן טאג פאר טאג זיך ארייַנרייסן צו איר אין שטוב. מחמת דעם האט די פרוי אנגעכאפט א גרויסע פארביטערונג. און אָפטמאָל האט זי געזוכט דורך זידלערייען און קללות אויפצובריינגען קעגן זיך די רויבער. אבער וויבאלד אז קיינער האט זי ניט געטויט מחמת כעס אדער רחמנות, און איר איז שוין דערעסן געווארן צו זוכן כסדר עסן פאר אנדערע, שוין אָפגערעדט דערפון, וואס איצט האט שוין דאס זוכן קיין פעולה ניט געהאט, דעריבער איז דער הונגער איר דערגאנגען ביזן מארך פון דיביינער, און נאך מער, איידער דער הונגער, האט געברענט איר כעס.

בכן האט זי זיך צוגעהערט נאר צום קול פון פארביטערונג און נויט און האט פארקלערט אן אומנאטירליכע זאך. זי האט גענומען איר קינד, א זויגקינד, און האט געזאגט: „אומגליקליך יינגעלע! אונטער מלחמה, הונגער און מהומה — פאר וועמען זאל איך דיך היטן? ביי די רוימער ווארט אויף אונז קנעכט-שאפט, אויב זיי וועלן אונז בכלל לאזן לעבן; נאָר פריהער פאר דער קנעכטשאפט איז שוין דא דער הונגער. און די מורדים זיינען אכזריות'דיגער פאר ביידע. בכן, ווער דו פאר מיר שפייז, א גייסט פון נקמה פאר די טיראנען, א מעשה פאר די לעבעדיגע! דאס

אליין פעלט נאך, בכדי צו מאכן פאר פול די צרות פון יידן!" מיט די דאזיגע ווערטער קוילעט זי איר קינד, בראָט עס און עסט אויף איין העלפט; די אנדערע דעקט זי צו און באהאלט.

תוך כדי דבור זיינען שוין ווידער דאָ די מורדים, און ווי נאר זיי דערשמעקן דעם קללות-ווערטן ריח פון געבראָטנס, סטראַשען זיי איר, אז זיי וועלן זי טויטן אין איין אויגנבליק, אויב זי וועט זיי ניט באווייזן, וואס זי האט אויסגעבראָטן. דערויף האט זי אויפגעדעקט דעם רעשט פון איר קינד מיט די ווערטער: „דאָ האב איך נאך באהאלטן פאר אייך אַ פיין שטיקל". אַ גרויל און אַן אימה האט אָנגעכאַפּט די רויבערס, און זיי זיינען געבליבן שטיין ביי דעם אָנבליק, ווי איינגעוואָרצלט. מרים אָבער האט ווייטער גערעדט: „דאס איז מיין ליבליך קינד, דאס איז מיין ארבעט. עסט, ווארום אויך איך האב געגעסן; זייט ניט ווייכהאַרציגער פאר אַ יידינע, ניט געפילפולער, איידער אַ מוטער! אָבער אויב איר זייט צו געוויסנהאַפט און אייך גרוילט פאר מיין קרבן — גוט, דעמאָלט זאל דער רעשט פארבלייבן פאר מיר, פונקט ווי איך האב אויפגעגעסן די ערשטע העלפט". ציטערנדיג זיינען די מורדים ארויסגעגאנגען; דאס איז פאָרט געווען פאר זיי צו פיל, און בכן האבן זיי, הגם ניט מיט גרויס חשק, געלאזט דער מוטער די שרעקליכע סעודה.

תיכף האט זיך פארשפרייט די ידיעה וועגן דער דאזיגער מעשה נורא איבער דער גאנצער שטאָט, און איטליכן האט עס געגרוילט, און ער האט זיך פאָרגעשטעלט די זאך, פונקט ווי ער אליין וואָלט דאס האבן אָפּגעטאָן. די הונגערנדיגע אבער האבן זיך געשטופּט צום טויט און האבן געהאלטן פאר גליקליך יענע, וואס זיינען פריהער געשטארבן, ווייל זיי האבן אזעלכע צרות ניט געזעהן און ניט געהערט.

.4

אז ביידע לעגיאנען האבן אַכט טעג אין חודש אָב געהאט פארענדיגט בויען די וואַלן, האט טיטוס געהייסן אוועקשטעלן די

שטורעם-בּעק קעגן דער מערבֿדיגער גאַלעריי פֿונם אינעווייניגסטן חצר פֿון בית-המקדש. שוין איידער דאָס איז געשעהן, האָט, אגבֿ, דער שטאַרקסטער שטורעם-באָק, הגם ער האָט זעקס טעג נאָכאַנאַנד געשטויסן, גאָרנישט ניט געקאָנט אויפֿטון קעגן דער מויער, און אַזוי האָבן די שטיינער, מחמת זייער גרייס און פֿעסטקייט, זיך געהאַלטן אויך קעגן די נײַע צוגעקומענע מאַשינעס. דערווײַל האָבן אַנדערע אונטערגעגראָבן די פֿונדאַמענטן פֿונם צפֿונ׳דיגן טויער, און נאָך אַן אָנגעשטריינגטער אַרבעט האָבן זיי אַרויסגעריסן די פֿאָ-דערשטע שטיינער. נאָר דער טויער גופֿא, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף די אינעווייניגסטע שטיינער, איז געבליבן שטיין.

איצט האָבן די רוימער זיך מיאש געווען דערפֿון, אַז זיי וועלן עפּעס קאָנען אויפֿטון מיט זייערע מאַשינעס און הויבלען, און דעריבער האָבן זיי אַוועקגעשטעלט לייטערס בײַ דער גאַלעריי. די יידן אָבער האָבן זיך ניט געגעבן קיין מיה זיי צו שטערן דערבײַ. אָבער ווי נאָר די רוימער זײַנען אָנגעקומען אויבן, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן זיי און האָבן זיי צום טייל אַראָפּגע-שטופּט פֿון מויער הינטערווײַלאַכס, צום טייל ווידער האָבן זיי זיי צוגעשטופּט צום וואַנט און אויסגעהרגעט. אַ סך זײַנען דערשטאָכן געוואָרן, אָקאָרשט ווי זיי האָבן פֿאַרלאָזן די לייטערס און האָבן נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרדעקן זיך מיט זייערע שילדן; אַנדערע ווידער זײַנען געניזקט געוואָרן דורכדעם, וואָס די יידן האָבן פֿון אויבן אומגעוואָרפֿן די לייטערס, וואָס זײַנען געווען געדיכט באַזעצט מיט באַוואָפֿנטע...

ווי באַלד טיטוס האָט איינגעזעהן, אַז די שוינונג פֿון פֿרעמדע הייליגטימער ברענגט זײַנע זעלנער נאָר טויט און פֿאַרדאַרבן, האָט ער באַפֿוילן אונטערצולייגן פֿייער בײַ די טויערן... האָבן די זעלנער אונטערגעלעגט פֿייער, און דאָס זילבער, וואָס איז אומעטום צע-שמאָלצן געוואָרן, האָט געעפֿנט פֿאַרן פֿייער אַ צוגאַנג צום האָלץ, און פֿון דאָרט האָט דאָס פֿייער מיט רעש זיך אַרויסגעריסן און אָנגעכאַפּט די גאַלערייעס. אַז די יידן האָבן דערזעהן, ווי אַרום און אַרום האָט אויפֿגעפֿלאַקערט פֿייער, האָבן זיי אָנגעוואָרן סיי

דעם מוט און סיי זייער קערפּער-קראַפט; פאַר לויטער שרעק האָט קיינער זיך ניט דערוועגט זיך אַנטקעגנצושטעלן, נאָר ווי געליימט זיינען זיי געשטאַנען און האָבן צוגעקוקט. אָבער ווי נידערשלאָגנדיג די שׂרפה זאָל ניט האָבן געווירקט אויף זיי, פונדעסטוועגן האָבן זיי ניט געקלערט וועגן דעם, אומצובייטן זייער זין, בכדי נאָך צו ראַטעווען דאָס, וואָס איז איבערגעבליבן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן נאָך מער פאַרביטערט קעגן די רוימער, אַזוי ווי די פאַרברענונג פון בית-המקדש וואָלט שוין געווען אַ באַשלאָסענע זאַך. דעם גאַנצן טאָג און די נאַכט נאָכדעם האָט דאָס פייער געווילדעוועט; וואָרום די רוימער האָבן געקאָנט אונטערצינדן נאָר איטליכע גאַלעריי באַזונדער, און ניט אַלע אין איינעם.

אויפן אַנדערן טאָג האָט טיטוס געהייסן אַ טייל פונם חיל לעשן דאָס פייער און פאַראייניגן מאַכן ביי די טויערן אַ ריכטיגן וועג, בכדי צו פאַרגרינגערן די לעגיאָנען דעם אַרויפגאַנג. דערנאָך האָט ער גערופן צו זיך די אָפיצערן, וואָס פון זיי זיינען זיך צונויפגעקומען צוערשט די זעקס חשובסטע: טיבעריוס אַלכּסנדר, דער אויבער-קאָמאַנדיר איבערן גאַנצן חיל, סיקסטוס צעריאַליס, דער אָנפירער פון פינפטן לעגיאָן, לוקיוס לעפּידוס, דער אָנפירער פון צענטן לעגיאָן, טיטוס פריגיוס, פון פופצענטן לעגיאָן, ווייטער ליטערניוס פראָנטאָ, דער קאָמאַנדיר פון ביידע אַלכּסנדרינישע לעגיאָנען, און מאַרקוס אַנטאָניוס אַליאַנוס, דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה. נאָך זיי זיינען געקומען די איבעריגע פאַרוואַלטערס און טריבונען. מיט זיי האָט טיטוס געהאַלטן אַ קריגס-ראָט וועגן בית-המקדש.

איין צד האָט געהאַלטן, אַז מען זאָל לאָזן פריי געוועלטיגן דאָס קריגס-רעכט; כּל זמן עס שטייט נאָך דער בית-המקדש, דער זאַמל-פּלאַץ פאַר אַלע יידן, וועלן זיי ניט אויפהערן צו טראַכטן וועגן מרידה. אַנדערע האָבן אויסגעדריקט זייער מיינונג אין דעם זין, אַז אויב די יידן וועלן פאַרלאָזן דעם בית-המקדש, און קיינער וועט ניט אַרויסציהען מער קיין שווערד צוליב פאַרטיידיגן אים,

דעמאָלט מעג מען אים לאָזן שטיין. טאָמער זשע װעלן זיי, פאַרקערט, בלייבן פעסט ביי זייער װידערשטאַנד, דעמאָלט דאַרף מען אים פאַרברענען, װאָרום דעמאָלט איז ער נאָר אַ פעסטונג, און ניט קיין הייליגטום. נאָר טיטוס האָט געהאַלטן, אַז אַפילו װען די ייִדן װעלן זיך פאַרטיידיגן פון בית-המקדש אַראָפּ, אויך דעמאָלט באַדאַרף מען ניט אויסלאָזן די נקמה צו אומבאַלעבטע זאַכן אַנשטאָט צו לעבעדיגע מענשן, און מען טאָר בשום אופן ניט לאָזן אַװעקגיין מיטן פייער אַזאַ גרויסאַרטיגן בנין. װאָרום בעצם טרעפט דער שאָדן דאָך די רוימער, און פאַרקערט, אויב דער בית-המקדש װעט בלייבן גאַנץ, װעט ער זיין אַ צירונג פאַר דער מלוכה. צו דער דאָזיגער מיינונג האָבן מסכים געװען פראָנטאָ, צערעאַלים און אַלכּסנדר.

דערנאָך האָט טיטוס פונאַנדערגעלאָזן די פאַרזאַמלונג און האָט באַפוילן די אָפיצערן צו לאָזן רוהען זייערע מענשן, בכדי זיי זאָלן אין די קומענדיגע געשלעגן קאָנען שטאַרקער זיך שלאָגן. נאָר פון די קאָהאָרטעס האָט ער אויסגעקליבן אַ געװיסע צאָל מענשן, װאָס האָבן באַדאַרפט מאַכן אַ װעג דורך די חורבות און פאַרלעשן דאָס פייער.

אין יענעם טאָג האָבן די ייִדן מחמת מידקייט און צעטומלטקייט ניט דערװעגט זיך צו מאַכן קיין אָנפאַל. אָבער דעם אַנדערן טאָג האָבן זיי צונויפגעקליבן זייערע כחות און האָבן אום דער צװייטער שעה געמאַכט מיט פרישן מוט אַן אַרויספאַל קעגן די װעכטערס פון אויסװייניגסטן חצר פון בית-המקדש. יענע האָבן זיך שטאַרק אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם אָנפאַל און, גע-שיצט פון פאָרנט דורך זייערע שילדן, זיינען זיי געשטאַנען פעסט, װי אַ מויער. פונדעסטװעגן האָט מען איינגעזעהן, אַז לאַנג װעלן זיי ניט קאָנען אויסהאַלטן, װייל די אָנפאַלערס זיינען געװען שטאַרקער פאַר זיי, סיי דורך דער צאָל און סיי דורך דער װילדער דרייסט-קייט. נאָר טיטוס, װאָס האָט דאָס צוגעזעהן פון אַנטאָניאַ אויס, איז געשװינד געקומען צו הילף די זייניגע מיט אַן אויסגעקליבענער

רייטער-אפטיילונג. זייער אָנפאל האבן די יידן ניט אויסגעהאלטן, נאר זיי זיינען צום גרעסטן טייל אנטלאפן, נאכדעם ווי די פּאָדערשטע זיינען געפאלן. אָבער ווי נאָר די רוימער זיינען אַוועק, האבן די יידן זיך אומגעקערט און האבן ווידער פארטריבן זייערע קעגנער, אזוי אז אום דער פינפטער שעה בייטאָג זיינען זיי אלע באוועלטיגט געווארן און איינגעשלאָסן אין אינעווייניגסטן פלאַץ פון בית-המקדש.

דערויף האט טיטוס זיך צוריקגעצויגן אויף אַנטאָניאַ און האט געהאט באשלאסן ביי זיך, דעם אנדערן טאָג גאָר אין דער-פריה אָנצופאלן מיט זיין גאנצן חיל און ארומצורינגלען דעם בית-המקדש, נאר גאט האט שוין פון לאנג געהאט גוזר געווען, ער זאל אונטערגיין פון פייער, און לסוף איז געקומען אין לויף פון די צייטן דער אומגליקליכער טאָג — דער צענטער אין חודש אב — וואס אין זעלביגן טאָג איז אויך דער ערשטער בית-המקדש פארברענט געווארן דורכן קיניג פון בבל...

ווארום ווי נאר טיטוס איז אוועק, זיינען די מורדים נאך א קורצער רוה ווידער ארויסגעטראטן קעגן די רוימער. דערביי איז ארויסגעקומען א געשלעג צווישן די פארטיידיגער פון בית-המקדש און צווישן יענע זעלנער, וואס האבן באדארפט לעשן דאס פייער אין אינעווייניגסטן חצר. בשעת די לעצטע האבן זיך נאָכגעיאגט נאך די יידן, וואס האבן זיך צוריקגעצויגן און זיינען צוגעקומען הארט ביז צום בית-המקדש, האט א זעלנער, ניט צוווארטן אויף קיין באפעל, אדער צו טראכטן וועגן דעם, וואס קאן ארויסקומען פון זיין טון, געכאפּט א ברענענדיגן שייט האלץ, איינער פון זיינע חברים האט אים אויפגעהויבן, און ווי פון אויבן וואלט מען אים אנגעטריבן, האט ער א שליידער געטאן דעם ברענענדיגן שטורקאץ אין די אינעווייניגסטע חדרים אריין דורכן גאָלדענעם פענסטער, דורך וואנען מען פלעגט פון צפון-זייט אריינגיין אין די חדרים, וואס ארום דעם בית-המקדש. ווי נאר דאָס פייער האט אויסגעבראכן, האבן די יידן, אין עוד מיט דער גרויסקייט

פונם אומגליק, אויפגעהויבן א מוראדיג געשריי און זיינען גע־
קומען צו לויפן פון אלע זייטן, בכדי צו לעשן דאס פייער, ניט
צו קוקן אויף דער סכנה און ניט צו שוינען זייערע כחות;
ווארום ס'איז געשטאנען אין סכנה אונטערצוגיין דאס, וואס ביז
אהער האבן זיי געזוכט עס צו פארהיטן.

א שליח האט עס תיכף געמעלדעט טיטוסן. געשווינד איז
יענער אויפגעשפרונגען פון זיין געלעגער אין געצעלט, וואו ער
האט זיך אויסגערוהט פון קאמף, און ווי ער שטייט און גייט,
איז ער געקומען צו לויפן, בכדי איינצוהאלטן די שרפה — נאך
אים זיינען געלאפן אלע אפיצערן און די לעגיאנען, וואס זיינען
דערשראקן געווארן איבער דער מהומה. מען קאן גרינג פארשטיין,
אז ביי אזא אומגעארדנטער באוועגונג פון אזוי פיל מענשן איז
איצט געווארן א מוראדיגער טומל, אויסגעמישט מיט א באטויבנ־
דיגן רעש.

טיטוס האט געוואלט דורך שרייען און מאכן מיט די הענט
געבן צו פארשטיין די קעמפנדיגע, אז זיי זאלן לעשן. זיי אבער
האבן זיין קול ניט געהערט, ווייל די איבעריגע האבן אים איבער־
געשריען, און אויף די צייכנס, וואס ער האט געמאכט מיט די
הענט, האבן זיי ניט געקוקט, ווייל זיי זיינען צופיל געווען פאר־
טיפט צום טייל אין דער אויפרעגונג פון קאמף, צום טייל אין
זייער פארביטערונג. קיין שום גוטע רייד, קיין שום סטראשונקעס
האבן ניט געקאנט אפהאלטן דעם שטורמישן דראנג פון די לעגי־
אנען; דער גרימצארן אליין האט געפירט די קאמאנדע. ביי די
אריינגאנגען איז געווארן אזא שרעקליכע איינגשאפט און שטופע־
ניש, אז א סך פון זייערע חברים זיינען צעטראָטן געווארן. א סך
זיינען אריינגעפאלן אין די נאך ברענענדיגע און רויכערנדיגע
חורבות פון די גאלערייעס און האבן אויף אזא אופן געהאט דעם
אייגענעם סוף, וואס די באזיגטע.

בעת זיי זיינען אנגעקומען נעבן בית־המקדש, האבן זיי זיך
געשטעלט, אזוי ווי זיי וואלטן אפילו ניט געהערט די באפעלן

פונם אַנפירער, און האָבן געשריען צו יענע, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר זיי, זיי זאָלן זיי לאָזן וואַרפן פייער אין בית-המקדש. איבע-ריגנס, האָבן די יידן זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער האָפענונג איינצולעשן די שרפה; וואָרום אומעטום האָט מען זיי אויסגע-הרגעט אָדער אַוועקגעטריבן. אויך גאַנצע מאַסן בירגער, לויטער שוואַכע, אומבאַוואָפנטע מענשן, זיינען געפאַלן פאַר קרבנות פונם שווערד, דאָרט וואו דער שונא האָט זיי געטראָפן. באַזונדערס אַרום מזבח האָבן זיך אַרומגעקליבן הרוגים מאַסנוויז. טייכנוויז איז געראָנען בלוט פון זיינע שטאַפּלען אַראָפּ, און דומפּיג האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע ווענט די קערפּערס פון יענע, וואָס זיינען אויבן אויף אים דערהרגעט געוואָרן.

אַז טיטוס האָט מער ניט געקאָנט איינהאַלטן דעם אימפּעט פון זיינע זעלנער, וואָס זיינען געוואָרן ווי משוגע, און די פלאַמען האָבן אַלץ ווייטער אַרומגעכאַפּט, איז ער מיט די אָפיצערן אַריין אין קדשי קדשים און האָט באַקוקט, וואָס דאָרט איז געווען. ער האָט געפונען, אַז אַלצדינג איז מער מאַיעסטעטיש, איידער דער שם, וואָס עס האָט געהאַט ביי פרעמדע, און עס איז טאַקע געווען אַזוי, ווי די הויכע מיינונג, וואָס די יידן האָבן געהאַט דערפון. היות ווי דאָס פייער איז נאָך ניט געווען אַריינגעדרונגען אין די אינעווייניגסטע חדרים, נאָר עס האָט פאַרלענדט די בנינים, וואָס אַרום דעם בית המקדש, דעריבער האָט ער מיט רעכט געהאַלטן, אַז דעם בנין גופא קאָן מען נאָך ראַטעווען. דעריבער איז ער אַרויסגעלאָפן און לא די וואָס ער האָט געפּרובט פּערזענליך צו באַוועגן די זעלנער, זיי זאָלן לעשן דאָס פייער, נאָר ער האָט אויך געהייסן דעם צענטוריאָ ליבעראַליס, וואָס האָט געהערט צו זיין לייבוואַך, ער זאָל צווינגען דערצו די ווידערשפּעניגע דורך קלעפּ מיטן שטעקן.

אָבער די פאַרביטערונג, די שנאה צו די יידן און דער אַל-געמיינער קאַמפּספּרען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר שטאַרקער, איידער די איבערגעגעבנקייט צום אַנפירער און די מורא פאַר זיין

שטראָף. דעם גרעסטן רוב האט אָנגעטריבן דער חשק צו רויב, ווייל זיי זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז ווי באלד פון אויסוויניג איז אלץ געמאַכט פון גאָלד, איז א פשיטא שוין, אז אינעוויניג איז אָנגעפּאַקט מיט אוצרות פון אלע מינים. אין דער צייט, ווען טיטוס איז ארויסגעלאפן, בכדי אָפּצוהאלטן די זעלנער, האט איינער פון זיי, וואס איז געווען אריינגעדרונגען אינעווייניג, אונטערגעלעגט אין דער פינסטער פייער אונטער די טירן. און היות ווי דער פלאַם האט איצט ארויסגעריסן זיך אויך פון אינעווייניג, דעריבער האבן די אָפיצערן מיט טיטוסן זיך צוריקגעצויגן, און קיינער האט זיך מער ניט געגעבן קיין מיה אָפּצוהאלטן די זעלנער, וואס זיינען פון אויסוויניג ארום בית-המקדש, זיי זאלן ווייטער ניט אונטערלייגן קיין פייער. אזוי איז דער בית המקדש אוועק מיטן פייער קעגן טיטוסעס ווילן.

ווי שטארק מען זאל ניט באַקלאָגן דעם אונטערגאנג פון אַ בנין, וואס איז געווען דער וואונדערפולסטער פון אלע, וואס אונז איז אויסגעקומען צו זעהן, און וואס מיר האבן ווען עס איז געהערט וועגן זיי, הן בנוגע צו זיין פראכט און גרויסקייט בכלל און הן בנוגע צו דער טייערקייט פון זיינע איינציגע טיילן, און בפרט בנוגע צום הויכן באַטייט פונם קדשי קדשים, — פונדעסטוועגן קאָן מען דאך געפינען גענוג טרייסט אין דעם געדאנק וועגן דער השגחה, וואס איר קאָן ניט אויסמיידן קיין איין לעבעדיג באַשעפעניש און ניט קיין זאַך, וואס איז געמאַכט דורכן מענשנס האַנט און ניט קיין איין געגנט פון דער ערד. מערקווירדיג איז אבער די פינקטליכקייט, ווי אַזוי זי טיילט איין די צייטן. ווי שוין געזאגט איז באַשטימט געוואָרן פאר דער צעשטערונג דער זעלבער חודש און דער זעלבער טאָג, ווען דער בית-המקדש איז אַנומלט פאַרברענט געוואָרן דורך די בבלים.

זינט שלמה המלך האט אים אויפגעבויט דאס ערשטע מאָל ביז צום חורבן אין אונזערע טעג, וואס איז אויסגעפאַלן אין צווייטן יאָר פון אַספּסינוסעס רעגירונג, רעכנט מען 1130 יאָר 7 חדשים

און 21 טעג, און זינט ער איז דאס צווייטע מאל אויסגעבויט געוואָרן, לויט ווי דאס האט געפאָדערט חגי הנביא אין צווייטן יאָר פון כורשעס קיניגן, ביז דער צעשטערונג אונטער אַספּסניוסן — 630 יאָר און 45 טעג.

5.

אין דער צייט, וואס דער בית-המקדש האט געברענט, האבן די זעלנער גערויבט אלצדינג, וואס איז אריין צו זיי אין די הענט, און האבן הונדערטערוויז אויסגעהרגעט די יידן, וואס זיי האבן געטראָפן. קיין רחמנות האבן זיי ניט געהאט אויף קיין עלטער, קיין אכטונג ניט קעגן הדרת-פּנים. קינדער און עלטערע לייט, ישראלים און כהנים אָהן אונטערשייד זיינען געפאַלן אונטערן שווערד פון שונא. אלץ איינס, צי די מענשן האָבן געבעטן גענאָד, אדער זיי האבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. מיטן קנאַקן פון די פלאַמען, וואס זיינען אויסגעבראָכן פון אלע זייטן, האט זיך אויסגעמישט דער קרעכץ פון די, וואס זיינען געשליידערט געוואָרן צו דער ערד. אויב מען זאל געוועזן נעמען אין אַכט די הייך פונם באַרג און די גרייס פונם ברענענדיגן ריזיגן בנין, דעמאָלט האט מען געקאָנט מיינען, אַז די גאַנצע שטאָט שטייט אין פלאַמען. מען קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן עפּעס מאוים׳דיגערס און באַטויבנדיגערס, ווי דאס געשריי, וואס האט געהילכט איבער אַלץ. וואָרום בעת די רוימישע לעגיאָנען, וואס זיינען אַריינגעדרונגען אין געשלאָסענעם מאַרש, האָבן ארויסגעלאָזט זייערע פרייד-געשרייען, האָט גלייכצייטיג זיך געלאָזט הערן דאס ווייי-געשריי פון די מורדים, וואס זיינען געווען אַרומגערינגלט פון פייער און שווערד, און פון אויבן האט געקלונגען דער קלאָג פונם פאַרלאָזענעם פאָלק, וואס אין זיין פּחד האט עס זיך געלאָזט לויפן צום שונא און האט באַוויינט זיין גורל. מיטן געשריי פון די, וואס אויפן באַרג, האט זיך צונויפגעגאָסן דאס געשריי פון דער פאָלקס-מאַסע אין שטאָט. אַ סך פון די אומגליקליכע, וואס דער הונגער האט שוין געהאט ביי זיי אויסגעפרעסט דעם מאַרך פון דיביינער און

פאַרמאַכט זיי די מיילער, האָבן, דערזעהענדיג דעם בית-המקדש ברענען, צונויפגענומען זייערע לעצטע כחות צוליב אַ קלאָגעדיגן יאָמער. צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען דער ווידערקול פון עבר הירדן און פון די אַרומיגע בערג, וואס האט געמאַכט דעם רעש נאָך מאוים׳דיגער.

נאָר מורא׳דיגער, איידער דער גאַנצער טומל פון שלאַכט, איז געוועזן דער גורל פון די באַזיגטע. ס׳האט אויסגעדוכט, ווי דער הר-הבית וואלט גליהען פון גרונט אויס, ווייל אַרום און אַרום איז ער איינגעהילט געווען אין פייער. אבער נאָך פולער, ווי די שטראָמען פייער, זיינען געווען די טייכן בלוט, און כמעט גרעסער איז געווען די צאָל פון די הרוגים, איידער די צאָל פון די הורגים. אין ערגעץ האט מען איבער די דערהרגעטע ניט געקאָנט זעהן די ערד. איבער גאַנצע בערג געפאַלענע האבן די זעלנער זיך נאָכגעיאָגט נאָך די אַנטלויפנדיגע.

די אָפּטיילונג מורדים האט מיט מיה דורכגעבראָכן די קאָלאָנעס פון די רוימער און האט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג אינם אויסווייניגסטן חצר און פון דארט אין דער אויבערשטער שטאָט אַרויף; דער איבעריגער טייל פון פאָלק איז אַנטלאָפן געוואָרן אין דער אויסווייניגסטער גאַלעריי. עטליכע כהנים האבן צוערשט אַראָפּגעריסן אלע שפּיזן אויפן בית-המקדש*) מיטן בליי, וואס דערין זיינען די שפּיזן געווען איינגעפאַסט, און האָבן עס אַראָפּגעשלייָדערט אויף די רוימער. אבער אז זיי האבן דערמיט גאָרנישט ניט אויפגעטאָן, און דאס פייער האט איבער זיי אריינגעבראָכן, האבן זיי זיך צוריקגעצויגן אויפן וואַנט פון בית-המקדש, וואס איז געווען ברייט אַכט איילן, און דאָרט זיינען זיי דערווייל געבליבן. נאָר צוויי אַנדערע חשובע יידן, וואס האבן פאַר זיך געזעהן די ברירה, אדער אַריבערצוגיין צו די רוימער צו ראַטעווען דורכדעם זייער

*) די דאזיגע שפּיזן האבן ארויסגעשטעקט אויפן באגילטן דאך פון בית-המקדש, בכדי צו פארטרייבן די פויגלען, וואס האבן געקאנט אים באשמוצן.

לעבן, אדער צו שטאַרבן, האבן בעסער געוואָלט האבן דעם זעלביגן סוף, וואס די איבעריגע, האבן זיך ארײנגעוואָרפן אין פייער און זײנען פאַרברענט געוואָרן אינאײנעם מיטן בית־המקדש. דאס זײנען געווען מאיר בן בלגה און יוסף בן דלאי.

היות ווי די רוימער האבן געהאלטן, אז נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז פאַרברענט געוואָרן, איז שוין ניט כדאי מער צו שוינען די ארומיגע בנינים, דעריבער האבן זײ אונטערגעצונדן אלץ איבעריגס, די רעשטן פון די גאַלערייעס און אַלע טויערן, חוץ צוויי, דעם מזרח׳דיגן און דעם דרום׳דיגן. נאר שפּעטער האבן זײ די לעצטע אויך צעשטערט. דערויף האבן זײ פארברענט נאך די שאַץ־קאַמערן, וואו עס האבן זיך געפונען געוואַלדיגע סומעס מזומן געלט, אַ סך געוואַנט אויף קליידער און אנדערע טייערע חפצים, מיט איין וואָרט, אלע אוצרות פון די יידן, מחמת די רייכע לייט האבן דאָרט געהאט באהאלטן זײער פארמעגן.

דערנאך האט מען זיך גענומען פאר דער גאנץ געבליבענער גאלעריי פונם אויסווייניגסטן חצר פון בית־המקדש, וואו עס האבן זיך געהאט באהאלטן ווייבער, קינדער און א גרויסע גע־מישטע פאלקס־מאסע, אן ערך 6000 נפשות. נאך איידער טיטוס האט געהאט עפעס באשטימט וועגן די דאזיגע מענשן, און איי־דער די אפיצערן האבן נאך געהאט אפּגעגעבן א באפעל וועגן דעם, האבן די זעלנער אין זייער גרימצאָרן אונטערגעצונדן די גאלעריי. דערויף זיינען א טייל אומגעקומען אין פייער, די איבע־ריגע ווידער — נאכדעם ווי זיי האבן זיך פון דארט ארויסגע־ריסן. פון דער גאנצער מאסע איז קיין איין לעבעדיגער נפש ניט געבליבן.

6.

אז די מורדים זיינען אנטלאפן געוואָרן אין שטאָט אריין, און דער בית־המקדש מיט אלע בנינים ארום אים זיינען גע־שטאנען אין פלאַמען, האבן די רוימער ארײנגעטראָגן זייערע

פאנעס אין די הייליגע פלעצער, האבן זיי אויפגעשטעלט קעגנ־איבער דעם מזרחדיגן טויער, האבן דארט פאר זיי קרבנות גע־בראכט*) און באגריסט מיט פרייד־געשרייען טיטוסן פאר אן אימפעראטאר**). מיט רויב זיינען אלע זעלנער געווען אזוי בא־לאדן, אז אין סיריען איז א פונט גאלד אראפגעפאלן אין מקח אויף דער העלפט...

די כהנים, וואס האבן זיך געהאט באהאלטן אויפן מויער פון בית־המקדש, זיינען אויפן פינפטן טאג, געטריבן דורך הונגער, אראפגעגאנגען, און די וועכטערס האבן זיי אוועקגעפירט צו טיטוסן; זיי האבן זיך געבעטן ביי אים, ער זאל שוינען זייער לעבן. נאר ער האט זיי דערקלערט, אז די צייט פאר גענאָד איז שוין פאר זיי פארביי, און היות ווי עס איז שוין ניטאָ מער דער בית־המקדש, וואס פון זיינעטוועגן וואלט ער אפשר געהאט א סמך זיי צו שיינקען דאס לעבן, בכן פאסט עס פאר זיי, ווי כהנים, אומצוקומען אינאיינעם מיטן בית־המקדש. דעריבער האט ער זיי אלעמען געלאזט טויטן.

איצט ערשט האבן די אנפירער פון די מורדים, וויבאלד זיי האבן איינגעזעהן, אז זיי זיינען פון אלע זייטן באדריקט דורך די רוימער, און אז דורך דער מויער, וואס ארום שטאָט, איז פאר זיי אפגעשניטן איטליכער וועג אויף צו אַנטלויפן, — געלאזט בעטן טיטוסן, ער זאל אריינטרעטן מיט זיי אין אונטערהאנדלונגען. האט טיטוס זיך אוועקגעשטעלט ביים מערבדיגן קאנט פונם אויסווייניגסטן חצר, וואו עס איז געווען אויבערהאלב פונם קסיסטוס א טויער און א בריק האט פאר־בונדן די אויבערשטע שטאט מיטן בית־המקדש; דער דאזיגער

---

*) די פאנעס, אדער געגויער, די אדלערס פון די לעגיאנען האבן זיך גע־רעכנט פאר געטער, און די זעלנערס האבן צו זיי געדינט.

**) דעם דאזיגן טיטל פלעגט באקומען יעדער קריגס־הויפטמאן, ווען עס פלעגן נאכן נצחון בלייבן ליגן אויפן שלאכט־פעלד לכל הפחות 6000 דערהרגעטע פיינט, און אויב די זעלנער גופא פלעגן אים באגריסן.

בריק איז געלעגן צווישן די אנפירער פון די מורדים און צווישן טיטוסן. ארום שמעונען און יוחנן זיינען געשטאנען געדיכט צונויפ־געפרעסט די יידן, ארום טיטוסן — די רוימער, וואס האבן גע־וואלט הערן זיין רעדע. האט טיטוס באפוילן זיינע זעלנער אויפ־צוהערן שיסן, האט געלאזט אוועקשטעלן נעבן זיך אן איבער־זעצער און האט געהאלטן א לאנגע רעדע, וואו ער האט גע־שטראפט די מורדים און בארימט זיך מיט דער גוטסקייט און מיט דער גבורה פון די רוימער. זיין רעדע האט ער געענדיגט מיט די ווערטער: „אויב איר וועט אוועקוואַרפן דאס געווער און זיך אונטערגעבן, דעמאלט שיינק איך אייך דאס לעבן; ווי א גוטער פאמיליען־פאטער, וועל איך דעמאלט באשטראפן די, וואס מען קאן ניט בעסערן, די איבעריגע אבער וועל איך ראטעווען".

דערויף האבן די מורדים געענטפערט: גענאד קאָנען זיי פון אים ניט אננעמען, ווייל זיי האבן זיך פארשוואָרן, דאס קיינמאל ניט צו טון. נאר זיי בעטן, מען זאל זיי לאזן פריי אפציהען מיט ווייבער און קינדער דורך דער מויער; דעמאלט וועלן זיי אוועק אין דער מדבר און אים איבערלאזן די שטאָט.

אויפגעבראכט דעריבער, וואס זיי, די באזיגטע ווילן אים ארויס־שטעלן תנאים, ווי זיגער, האט טיטוס זיי געלאזט אָנזאגן: קיין איבערלויפער זאָל זיך מער ניט באווייזן, און קיינער זאל ניט רע־כענען אויף גענאָד, ווארום ער וועט קיינעם ניט שוינען. אדרבא, זאלן זיי זיך פארטיידיגן מיטן גאנצן כח און זוכן זיך צו ראַטעווען, ווי זיי קאנען; איצט וועט ער זיך באגיין לויטן מנהג פון מלחמה.

דערנאָך האט ער געהייסן זיינע זעלנער אונטערצינדן די שטאט און צו רויבן. יענעם טאג האבן זיי נאך געוואַרט. דעם אנדערן טאג אבער האבן זיי אונטערגעצונדן דעם ארכיוו, דעם שטאט־טייל אַקרא, דאס ראַטהויז און דעם קווארטאל עופל, דערביי האט דאס פייער זיך פארשפרייט ביזן פאלאץ פון הילני המלכה, וואס איז געשטאנען אין מיטן אַקרא. אויך די גאסן און די הייזער, וואס זיינען געווען אָנגעפילט מיט טויטע קערפערס פון פארהונגערטע, זיינען אוועק מיטן פייער.

מיט א טאג שפעטער האבן די רוימער פארטריבן די מורדים פון דער אונטערשטער שטאָט און האבן אונטערגעצונדן אַלצדינג ביזן שלח. אגב, הגם זיי האבן געהאט דעם תענוג צו זעהן, ווי די שטאט איז געווארן פארוויסט פון פייער, נאר קיין רווח האבן זיי ניט באקומען, ווייל די מורדים האבן געהאט אַלצדינג אויסגע־ליידיגט און מיטגענומען מיט זיך אין דער אויבערשטער שטאט.

וואָרום ניט געקוקט אויפן אלגעמיינעם אומגליק, האָבן די מורדים קיין חרטה ניט געהאט. אדרבא, זיי האבן ניט אויפגע־הערט זיך צו בארימען, אזוי ווי זיי וואלטן געהאט אָפּגעטאָן א גוטע זאך. קוקנדיק אויף דער ברענענדיגער שטאָט, האבן זיי דערקלערט, אז זיי ווילן ווארטן אויפן טויט מיט א פרייען מוט און מיט א לאַכעדיגער מינע, וויבאלד דאס פאלק איז אויסגעהרגעט, דער בית־המקדש פאַרברענט, די שטאט האלט אין ברענען, און פארן שונא איז גארנישט געבליבן.

יוסף אָבער איז אויך איצט ניט מיד געווארן צו בעטן, מען זאל לאזן שטיין דעם רעשט פון שטאָט. נאר ווי ער איז ניט צוגע־שטאנען, זיי זאלן זעהן זיך צו ראטעווען — האבן זיי מער ניט חוזק געמאכט פון אים.

היות ווי פון איין זייט האבן זיי מחמת זייער שבועה ניט געוואלט זיך אונטערגעבן די רוימער, און פון דער אנדער זייט אָבער זיינען זיי געזעסן געפאנגען, ווי אין א פאסטקע, און האבן קיין געהעריגן ווידערשטאנד ניט געקאנט ארויסווייזן, דעריבער זיינען זיי ארויסגעגאנגען איינציגווייז חוצן שטאט און האבן אין די חורבות געלאקערט אויף יענע יידן, וואס האבן געהאט בדעה אַריבערצוגיין צו די רוימער. און זיי האבן טאקע געכאפּט א סך, וואס זיינען געווען אויסגעמאטערט פון הונגער און האבן ניט גע־קאנט אנטלויפן, האבן זיי אומגעבראכט און זייערע קערפּערס אַוועקגעווארפן פאר הינט.

איטליכער מין טויט האט די אומגליקליכע אויסגעוויזן גרינגער, איידער דער הונגער, דערפאר איז לא די וואס זיי זיינען געלאפן צו די רוימער, הגם זיי האבן דארט מער ניט געקאנט זיך ריכטן

אויף גענאַד, נאָר זיי האָבן זיך אויך געלאָזט כאַפּן פון די מורדים. אַזוי איז אין גיכן אין דער גאַנצער שטאָט ניט געווען קיין אָרט, וואָס זאָל ניט זיין פול מיט קרבנות פון הונגער אָדער פון מרידה.

.7

היות ווי די אויבערשטע שטאָט איז מחמת איר לאַגע אויף אַ שיפּוע ניט געווען אייצונעמען אָהן דאַמבעס, דעריבער האָט טיטוס 20 טעג אין אָב געשיקט איינציגע אָפּטיילונגען פון זיין חיל צו דער אַרבעט ביי די דאַמבעס. שווער איז געווען צו באַקומען געהילץ. וואָרום, ווי ס'איז שוין אויבן געזאָגט, האָט מען אין דער סביבה פון שטאָט אויסגעהאַקט אַלע ביימער, נאָך בעת מען האָט געבויט די פריהערדיגע וואַלן.

אַזוי האָבן די פיר לעגיאָנען אויסגעבויט זייערע דאַמבעס אין מערב-זייט פון שטאָט, קעגנאיבער דעם קיניגליכן פּאַלאַץ, און אין דער זעלביגער צייט האָבן דער הילפס-חיל און די איבעריגע מאַסע געאַרבעט ניט ווייט פונם קסיסטוס, פונם בריק און פון טורעם, וואָס שמעון האָט אויסגעבויט אין קאַמף קעגן יוחנן און האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך זיך.

אין יענע טעג זיינען געקומען אַ סך איבערלויפער צו די רוימער. די רוימער האָבן זיי אַלעמען צוגענומען: לא די וואָס טיטוס האָט ניט געקוקט אויף די פריהערדיגע באַפעלן, אויך די זעלנער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון צו הרגענען, צום טייל דערפאַר, ווייל דאָס טויטן איז זיי שוין נמאס געוואָרן, צום טייל אויך מחמת תשוקה צו געלט. די בירגער, וואָס פלעגן אָנקומען איינציגווייז, פלעגן זיי לאָזן פריי, די איבעריגע אָבער פלעגן זיי מיט ווייבער און קינדער פאַרקויפן אין שקלאַפעריי, און מחמת געפאַנגענע זיינען געווען אַ סך, און קונים אויף זיי ווייניג, האָבן זיי זיי פאַרקויפט בחצי חנם. איבעריגנס, הגם טיטוס האָט געלאָזט אויסרופן, אַז עס טאָר ניט קומען קיין אַנטרונענער אַליין (זיי האָבן באַדאַרפט מיטנעמען אויך זייערע משפּחות), פונדעסטוועגן פלעגט ער צונעמען אויך אַזעלכע אַנטרונענע. צוגלייך האָט ער געלאָזט דורך געהעריגע מענשן אָפּקלייבן צווישן

זיי יענע, וואס האבן פארדינט דעם טויט. אַ געוואלדיגע מאַסע האט מען פארקויפט פאר שקלאַוון; פארקערט, פון די בירגער גופא האט מען העכער 40,000 באַגענאָדיגט, און טיטוס האט זיי געלאָזט גיין, וואוהין זיי ווילן.

אין דער זעלביגער צייט איז געקומען אויך א כהן מיטן נאָמען ישוע בן תבותי, וואס אים האט טיטוס מיט א שבועה צוגעזאגט צו שוינען, אויב ער וועט אים איבערגעבן עטליכע פון די הייליגע חפצים. ער האט געבראכט צו טראָגן פונם מויער פון בית-המקדש צוויי מנורות, ענליך צו דער, וואס איז געווען אין בית-המקדש, ווייטער טישן, שיסלען און שאָלן, אַלצדינג מאַסיוו פון ריינעם גאָלד. חוץ דעם, האט ער איבערגעגעבן פרוכתער, די בגדי כהונה פון כהן-גדול מיט די טייערע שטיינער און א סך כלים, וואס פלעגן באנוצט ווערן ביי דער עבודה. אויך דעם גבאי פון בית-המקדש פנחסן האט מען געכאפט, און ער האט באוויזן די קליידער און גארטלען פון די כהנים, א סך פורפור-און שאַרלאַךגעוואַנט, וואס איז געווען צוגעגרייט, טאָמער וועט מען באדארפן פארריכטן דעם פרוכת; ווייטער אַ סך צימערינג און קאַסיאַ און א סך אנדערע געווירצן, וואס פון זיי פלעגט מען אלע טאָג אָנצינדן א געמישאכץ פון גאטס כבוד וועגן (קטורת). ער האט אויך איבערגעגעבן א סך אנדערע טייערע חפצים און הייליגע צירונג-זאכן, און דורכדעם האט ער געהאט די טובה, וואס מען איז זיך מיט אים באגאנגען גוט, ווי מיט אלע אנדערע איבערלויפער, הגם מען האט אים גענומען געפאנגען נאָך א שטארקן ווידערשטאנד.

נאָך אַן ארבעט פון 18 טעג, 7 טעג אין חודש אלול, זיינען די וואַלן פארטיג געווארן, און די רוימער זיינען צוגעטראָטן מיט די מאַשינעס. אַ סך פון די מורדים האָבן איצט געהאלטן, אז די שטאָט איז פאַרפאַלן, און האָבן זיך דעריבער צוריקגעצויגן פאַזע דער מויער און אַקראַ; טייל זיינען אַריין אין די אונטערערדישע גיינג; אַ באַדייטנדע אָפּטיילונג אָבער האט זיך צעשטעלט אויף דער מויער און האט געזוכט צו פארטיידיגן זיך קעגן די פיינט, וואס האָבן זיך דערנעהענטערט מיט די שטורעם-בעק. נאר אויך

מיט זיי זיינען די רוימער באַלד פאַרטיג געוואָרן, מחמת זייער גרעסערער צאָל און קראַפט, דער עיקר אָבער, ווייל זיי האָבן גע־קעמפט מיט פרישן מוט קעגן פאַרצווייפלטע און אויסגעמאַטערטע.

ווי נאָר אַ טייל מויער איז איינגעבראָכן געוואָרן און אַ טייל פון די טורעמס האָבן אָנגעהויבן זיך צו שאָקלען דורך דער קראַפט פון די שטורעם-בעק, האָבן זייערע פאַרטיידיגער תיכף זיך געלאָזט לויפן. די מורדים, וואָס האָבן פאַרלאָזט די טורעמס, האָבן גענומען געשווינד לויפן אַראָפּ אינם טאָל פונם שלח, און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אַביסל אָפּגעכאַפּט פון זייער שרעק, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן דאָרטיגן טייל פון רוימישן מויער. נאָר זייער דרייסטקייט האָט שוין מער ניט געהאַלטן גלייך מיט דער נויט, וואָרום שרעק און אומגליק האָבן איינגעבראָכן זייער קראַפט. בכן, האָט מען זיי באַלד אָפּגעטריבן פון דער מויער, און זיי זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן און האָבן זיך באַהאַלטן אין די אונטער־ערדישע גייענג. דערווייל האָבן די רוימער פאַרנומען די מויערן, אַרויפגעשטעלט זייערע פאָנעס אויף די טורעמס און מיט אַ פריי־ליכער פּאַטשעריי אין די הענט האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען אַ נצחון-ליד, וואָרום דער סוף פון דער מלחמה איז זיי אָנגעקומען גרינגער, איידער מען האָט דאָס געקאָנט גלייבן לויטן אָנהויב...
מיט בלויזע שווערדן אין די הענט זיינען זיי נאָכדעם געלאָפן איבער די גאַסן, האָבן דערשטאָכן איטליכן, ווער עס איז זיי גע־קומען אין וועג, און פאַרברענט די הייזער, וואו די יידן האָבן זיך געהאַט באַהאַלטן, מיט אַלצדינג, וואָס איז געווען אינעווייניג.

זיי האָבן אַ סך געראַבעוועט. נאָר אָפטמאָלס, בשעת זיי פלעגן אַריינדרינגען ערגיץ אין אַ שטוב, בכדי צו רויבן, פלעגן זיי געפינען גאַנצע משפחות טויט און די דעכער פול מיט פאַרהונגערטע — איבער דעם דאָזיגן בילד פלעגן זיי ווערן אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זיי פלעגן אַוועקגיין מיט ליידיגע הענט. איבעריגנס, נאָר אויף די טויטע האָבן זיי געהאַט רחמנות, אָבער ניט אויף די לעבעדיגע. זיי האָבן אויסגעהרגעט אַלעמען, ווער עס איז זיי געקומען אין וועג, האָבן פאַרשפּאַרט די שמאָלע גאַסן מיט לויטער הרוגים און

פארפלייצט די גאנצע שטאָט מיט טייכן בלוט, אזוי אז אַ סך שרפות זיינען איינגעלאשן געווארן מיט בלוט.

פארנאכט האבן זיי די שחיטה אָפּגעשטעלט; די שרפה אבער האט געווילדעוועט אַ גאנצע נאכט. אַכט טעג אין אלול איז די זון אויפגעגאנגען איבער די רויכערנדיגע חורבות פון ירושלים...

8.

אז טיטוס איז אריין אין דער אויבערשטער שטאָט, האט ער זיך געוואונדערט איבער איר פעסטקייט בכלל, און בפרט איבער אירע טורעמס, און האט געהייסן אין גאנצן צעשטערן דעם טייל שטאָט, וואס איז נאך גאנץ געבליבן, און איינרייסן די מויערן. דריי טורעמס האט ער אבער געלאזט שטיין, בכדי זיי זאלן בלייבן אַן עדות אויף זיין גליק, וואס האט אים געהאלפן צו באַצווינגען אפילו אזעלכע פעסטונגען, וואס זיינען ניט איינצונעמען.

היות ווי די זעלנער איז שוין דאס הרגענען דערעסן געווארן, און עס האבן זיך באוויזן נאך אַ סך יידן, דעריבער האט טיטוס געהייסן טויטן בלויז די באוואָפנטע און ווידערשפעניגע, די איבע-ריגע פארקערט — נעמען געפאנגען לעבעדיגערהייט. פונדעסטוועגן האבן די זעלנער דערהרגעט, חוץ די, וואס טיטוס האט אָנגעמערקט, אויך די אלטע און שוואַכע.

יענע אבער, וואס זיינען נאך געווען אין די מיטעלע יאָרן, און מען האט זיי געקאנט באנוצן צו דער ארבעט, האבן זיי צו-נויפגעטריבן אויפן הר-הבית און איינגעשלאסן זיי דארט אין דער עזרת נשים. פאר אַ שומר איבער זיי האט טיטוס אוועקגעשטעלט איינעם פון זיינע פרייגעלאזענע, בעת זיין פריינט פראָנטאָ האט געדארפט צופסקען איטליכן זיין פסק, וואס אים קומט. יענער האט געלאזט טויטן די מורדים און די רויבער, וואס האבן געמסרט איינער אויפן אנדערן. אבער די שענסטע און גרעכטע בחורים האט ער אָפּגעקליבן, בכדי צו באהאלטן זיי פארן טריאומף-צוג. פון די איבעריגע געפאנגענע האט טיטוס אוועקגעשיקט די, וואס עלטער פון 17 יאָר, אין די בערג-גרובן פון עגיפטן. דעם גרעסטן טייל אבער האט ער אוועקגעשאָנקען אין די פראווינצן, וואו זיי

האבן באדארפט אומקומען דורכן שווערד אדער דורך ווילדע חיות *). אלע, וואס זיינען געווען יינגער פון 17 יאָר, זיינען געווארן פארקויפט.

איבעריגנס, זיינען אין משך פון די טעג, וואס פראָנטאָ האט געקליבן, נאך 11.000 מאן געשטארבן פון הונגער, צום טייל, ווייל די וועכטערס האבן מחמת שנאה ניט געגעבן זיי קיין לעבנס-מיטלען, צום טייל, ווייל זיי האבן ניט אָנגענומען די שפייז, וואס מען האט זיי דערלאנגט...

די צאָל יידן, וואס זיינען גענומען געווארן געפאנגען אין דער דאזיגער מלחמה, האט באטראָפן 97.000; אומגעקומען זיינען אין משך פון דער באלעגערונג 1.100.000. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען געבאָרענע יידן, אבער ניט אלע פון ירושלים. ווארום פון גאנצן לאנד האט דאס פאלק זיך געהאט צונויפ-געקליבן אין דער הויפט-שטאָט צו פסח, און היות ווי די באלע-גערונג האט זיי דאָ געטראָפן אומגעריכטערהייט, דעריבער האט געמוזט אויסברעכן די פעסט און שפעטער נאך דער הונגער, וואס האט נאך מער חורבנות אָנגעטאָן.

אזוי האבן די רוימער פון די, וואס האבן זיך באוויזן, געטויט נאר אַ טייל, די איבעריגע האבן זיי געמאכט פאר געפאנגענע. זיי האבן אויפגעזוכט אויך יענע, וואס האבן זיך געפונען אין די אונטערערדישע גייגג, האבן דורכגעבראכן די ערד און אויסגעהרגעט אלעמען, וועמען עס איז נאר אריינגעפאלן צו זיי אין די הענט. אויך אין די דאזיגע גייגג האט מען געפונען העכער 2000 טויטע, וואס צום טייל האבן זיי זיך אליין געהאט גענומען דאס לעבן, צום טייל איינער דעם אנדערן, ס'רוב אבער זיינען זיי אוועקגעפאלן פון הונגער.

די זעלנער, וואס זיינען אריינגעדרונגען, איז מחמת דעם אַנטקעגן געקומען אזא שרעקליכער מתים-גערוך, אז אַ סך פון זיי זיינען געשווינד ווידער ארויס. אנדערע ווידער, וואס זייער געלוסט

*) ד. ה. אין די צירקן.

נאך געלט האט זיי פּאַרט אריינגעטריבן, האבן געמוזט גיין איבער הויפנס טויטע. באמת האט מען אין די גיינג געפונען אַ סך טייערע חפצים, און די תשוקה צו געווינס האט געהאלטן פאר דערלויבט איטליכן מיטל אויף זיי צו באקומען.

אין די אונטערערדישע גיינג האט מען אויך גענומען גע־פאנגען ביידע אָנפירערס פון דער מרידה. יוחנן, וואס האט אין איינעם מיט זיינע ברידער געליטן הונגער, האט צולעצט געבעטן גענאָד ביי די רוימער. שמעון, פארקערט, האט זיך אונטערגעגעבן, נאכדעם ווי ער האט געקעמפט מיט דער שרעקליכסטער נויט. אים האט מען באהאלטן פאר אַ קרבן פארן טריאומף, און יוחנן איז פארמשפט געווארן צו אייביגער תפיסה.

איצט האבן די רוימער אונטערגעצונדן נאך די וויסטע שטאָט־טיילן און געמאכט די מויערן גלייך מיט דער ערד...

דאס איז געווען דער סוף פון דער באלעגערונג פון ירושלים.

היסטאָרישע יוגנט־ביבליאָטעק

ס'איז ארויס פון דרוק:

ז. קאַלמאַנאָוויטש

די לעצטע קנ'אים

✦

ב. דינאַבורג

אויפן שוועל פון מיטלאַלטער

✦

כלל־פאַרלאַג
בערלין 1922-תרפ"ב

Klal-Druckerei, Berlin